STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01831

DI TSVEY POORLAKH

Giovanni Boccaccio

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די צווייע פּאָרלאַך

בעארבייטעט נאך

באָקאַטשיא

פון

ד. מ. הערמאַלין.

פרייז 10 סענט.

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.
1912.

ISBN:0-657-01831-7
Old Call No.,97-153 v.

פאָליטישע עקאָנאָמיע

איהר ענטשטעהונג און געשיכטע

פון א. ש. זאַקס.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסענשאַפט פון דעם מענשען'ס שאַפען און ווירקען, האנדלען און וואנדלען ווען ער איז צוזאמען מיט נאָך אַנדערע אין געזעלשאַפט.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לעהרע פון די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט, זי לערענט דעם מענשען ווי ער זאָל אַרבייטען און ווי ער זאָל זיין אַרבייט בעסער אויסנוצען.

פאָליטישע עקאָנאָמיע לערענט ווי אַזוי אַלע זאַכען וועלכע זיינען נעטהיג צום מענשען'ס לעבען ווערען פּראָדוצירט, ווי אַזוי זיי ווערען פאַר־אַנדער געטהיילט און ווי אַזוי זיי ווערען פערברויכט.

ווילט איהר וויסען ווי אַזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט פיהרט זיך יעצט ?

ווילט איהר וויסען ווי אַזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט האָט זיך אַמאָל געפיהרט אין די אַלטע צייטען ?

ווילט איהר וויסען ווי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט דארף ווערען געפיהרט צום וואָהל און בעסטען פון דער גאַנצער מענשהייט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס איז דעם מענשען'ס אויפגאַבע אין דער געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען ווי אַזוי זיך צו מאַכען ניצליך אין דער געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט פּראָטעקשאָן און פרי טרייד ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט קאַפּיטאַליזמוס און סאָציאַליזמוס ?

דאַן קויפט און לעזט „די פאָליטישע עקאָנאָמיע" פון א. ש. זאַקס, וועלכע איז יעצט ביי אונז ערשיענען אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע און ווערט פערקויפט צו אַ ספּעשעל ביליגען פּרייז פון

בלויז 65 סענט

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

דיא צוויא פאארלאך.

1.

דיא פריינדשאפטען זיינען פערשיעדען ; ניט אלע ליעבעס זיינען גלייך און ניט אלע טרייהייטען זיינען דיזעלבע.

איהר קענט בעגעגנען צוויא פריינד, וועלכע ליעבען איינער דעם צווייטען מיט דער גרעסטער אויפריכטיגקייט ; זיינען בערייט זיך צו אָבּפּערן, און ווען דיזע אמת'ע פריינדשאפט ווערט געשטעלט אויף דער פראָבע, דאן...... אבער מיר וועלען ניט אויספלוידערן פריהער וואס מיר ווילען דא דערצעהלען און בעהויפּטען איבריגענס גלויבען מיר, אז פאר וואהרער פריינדשאפט איז קיין אָפּפער צו טהייער און צו שווער.

עס איז געווען מיט א היבשע צייט צוריק, און אָבּוואהל דיא היסטאריקער האבען דאס ניט פערשריעבען אין ביכער. בלייבט דאס אבער דעננאָך א פאקט, וואס קען ניט אָבגעלייקענט ווערען.

יעדער וויים דערפון, גרוים און קליין און אזוי געהט איבער דיא געשיכטע פון פאָטער צו קינד בירושה. אום דיזע אינטערעסאנטע ערא‌יינגיס זאָל ניט פערגעסען ווערען, האבען מיר בעשלאָסען דאס אויפצושרייבען און ארוים געבען פאר דער וועלט.

אין סיענא האבען געוואהנט צווייא יונגע לייט, ספינעלאָטשיאָ סאנענא און זעפּפּא דיא מינא.ביידע האבען געשטאמט פון רייכע און געעהרטע פאמיליען, און זיינען צוזאמען אויפגעצויגען געוואָרען.

אין לעבען בעגעגנען מיר ניט זעלטען וואס צווייא קינדער שליעסען א פריינדשאפט פון זייער פריהער יוגענד אָן, און דיזער פריינדשאפט וואקסט דאן מיט זייערע יאָהרען.

דיזע צווייא יונגע לייט וואס מיר האבען דערמאָנט, זיינען געווען כמעט פון דיזעלבע יאָהרען. זייט דער צייט וואס זייא זיינען אימשטאנדע געווען צו געהען

אייך זייערע פיס, זיינען זייא געווען צוזאמען, זיך געשפיעלט, געשטיפט און צוגעבראכט זייערע קינדער־יאהרען.

דאן האבען זייא צוזאמען גענאסען דיעזעלבע אונטעריכט, און זייער פריינדשאפט האט געוואקסען נאך פיעל בעסער וויא צווישען צווייא ברידער. ווען מען האט איינעם אנגעגריפען, האט זיך דער צווייטער פאר איהם אנגענומען און ווען איינער האט געליטען האט דער אַנדערער מיטגעפיהלט.

אזוי האבען זייא געוואקסען און זיך אויפגעצויגען, ביז זייא זיינען אלט געווארען 16 יאהר. זייערע עלטערן האבען אפילו בעשלאָסען פון זייא צו מאכען גייסטליכע. אבער וויא עס שיינט, איז עס ניט געלעגען אין זייער נאטור זיך אָבצוגעבען מיט אזא פראָפעסיאָן.

זייא האבען געליעבט דאס לעבען, דיא וועלט און איהרע פערגניגענס און הנאה געהאט פון אויסווערטיגער טהעטיגקייט. זייערע עלטערן האבען אין זייא ענטדעקט א געוואלטיגען חשק צום האנדעל, און ניט זעהענדיג קיין אנדערן אויסוועג, האבען זייא געקראגען א היבשע סומע געלד און זייא זיינען געווארען סוחרים.

זייא האבען געהאנדעלט בשותפות, און ניעמאלס איז צווישען זייא פאָרגעקומען א שטרייט אדער מיספערשטענדנים. דאס האט געפיהרט דערצו וואס זייערע געשעפטען האבען געגליקט און זייער נאמען האט זיך שנעל פערברייטעט איבער דער גאנצער שטאָדט וויא אויך אין דער געשעפטס־וועלט.

אזוי זיינען פאָראיבער מעהרערע יאהרען, און דיא יונגע לייט האבען ערווארבען א היבשעס פערמעגען, און אָנגעפאנגען צו קלערען וועגען פלענער וויא אזוי צו געניעסען דיא פרוכט פון זייער ארבייט.

דיא מענשען, דאס הייסט, דיא פערהייראטע מענער, זיינען אפילו גערוואָהנט זיך אימער צו בעקלאגען אויף זייערע ווייבער, אז דורך דעם הייראטה זיינען זייא אונגליקליך געווארען פערלארען זייער פרייהייט, און גלאט צוגעלעגט געלט. נאָך מעהר, זייא וועלען אויך דערצעהלען, אז א פרוי איז פאלש, זיא איז א שלאנג, א בעטריגערין און נאך אנדערע פאסענדע נעמען. טראָטץ דעם אבער, ווען זייא האבען זיהן, וועלען זייא העלפען דיעזעלבע זיהן, דאס אין פאל זייא ווילען הנאה האבען פון דער וועלט, זאלען זייא חתונה האבען.

א פרוי איז, נאך אלעמען דאך עפעס א בעקוועמע זאך, און אפילו איהר פאלשקייט, איז אויך א טהייל פון אונזער נעטהיגע אויפרעגונג אין לעבען.

דיא יונגע לייט וויעדער, וויפיעל מען זאל זייא ניט אָנדערצעהלען איבער דיא

חסרונות פון דיא פרויען, וויכען זייא דאך האבען א פרוי צוזאמען מיט דיא חסרונות.

אויף דיעזער ארט, האבען אונזערע צווייא יונגע פריינדע בעשלאסען חתונה צו האבען און געניעסען אין רוה דיא פרוכט פון זייערע שווערע ארבייט.

2.

א פילאזאף האט זיך אמאל אינטערעסירט אויסצוגעפינען אויב דיא פריינד־שאפט צווישען מאן און מאן, איז שטארקער וויא דיא פריינדשאפט צווישען פרוי און פרוי, נאך אונזער אנזיכט, איז דאס איין איבערפליסיגע אונטערזוכונג. דיא מענער און דיא פרויען זיינען גלייכע מענשען, מיט דעם אונטערשיעד פון געשלעכטער.

זאלאנג א שטאך פון א נאדעל פעראורזאכט דער פרוי דיעזעלבע שמערצען וויא דעם מאן, דאן האבען זייא עהנליכע געפיהלע אין אלעמען.

עלענא און פילאמעטא,ביידע 18־יאהריגע בתולות, האבען אונטער זיך גע־בילדעט איין עהנליכע פריינדשאפט וויא דיא צווייא יונגע לייטע. אויך זייא האבען געוואהנט בשכנות, אויך זייא זיינען צוזאמען אויפגעצויגען געווארען און אויך זייא האבען זיך זעהר געליעבט פון קינדוויין אן.

מען האט זייא אימער געקענט זעהען צוזאמען, און זייערע געשמאקען זיינען כמעט געוועזען דיעזעלבע. ביידע זיינען געוועזען זעהר שעהן און לעבהאפט, מיט דעם אונטערשיעד וואס עלענא איז געוועזען א ברונעטקע און פילאמעטא א בלאנדינע.

ווען דיא צווייא יונגע לייט האבען בעשלאסען צו הייראטהען, האבען זייא געזוכט זייערע כלות אויף דיעזעלבע פלעטצער. דיא צווייא מיידלעך האבען צוגעצויגען זייער אויפמערקזאמקייט און זייא האבען מיט זייא געשלאסען בע־קאנטשאפט.

עס איז מערקווירדיג דאס ספינעלאטשיא האט זיך געשפידט בערייט צו הייראטהען אירגענד איינע פון דיא צווייא חבר'טעס, עלענא'ן אדער פילאמעטא'ן, ער האט ביידען גלייך געליעבט; און דאס זעלבע איז אויך געוועזען מיט זעפפא'ן.

אבער דאס איז דאך לעבערליך. הייראטהען קען מען נאר איינע און עס מוז בעשטימט ווערען וועלכע מען זאל נעהמען. דיא מיידלעך אבער, האבען אויך גלייך ליעב געהאט ביידע יונגע לייט, און עס האט בייא זייא ניט אויסגעמאכט, וועלכע פון זייא עס וועט זיך אויסקלייבען איינעם פון זייא.

אזוי זיינען פאראיבער עטליכע מאָנאַט, אוןביידע יונגע לייט האבען געקושט און זיינען געקושט געווארען פון ביידע מיידלעך.

קיין אייפערזיכט האט ניט עקזיסטירט, ווייל דיא געפיהלע זיינען געווען גלייך. און קיינער האט ניט געדעבענט, אז דער אנדערער נעהמט בייא איהם עפּעס אוועק.

אין א טאָג האבען ביידע יונגע לייט געהאט א לענגערע אונטעררעדונג צוזאמען.

דיא וועלט רעדט שוין צופיעל האט ספינעלאטשיא בעמערקט. — עס מוז נעהמען א סוף.

— וואס מיינסטו ? האט זעפּפּא געפרעגט.

— מיר מוזען הייראטהען.

— נו גוט ווער האט דען דאגעגען.

— איך פערשטעה. האט ספינאלעטשיא געזאָגט. — אבער מיר דארפען בעשטימען מיט וועמען מיר וועלען הייראטהען.

— וואס הייסט מיט וועמען ? מיט עלענא'ן און פילאמעטיא'ן: ספינעלאטשיא האט געלאכט.

— יא, דאס וויים איך. האט ער געזאָגט, — אבער עס מוז דאָך בעשטימט ווערען ווער פון אונז זאל הייראטהען עלענאן אדער פילאמעטאַ'ן.

— אָה, איך פערשטעה.

— ווער געפעלט דיר בעסער.

— מיר געפעלען ביידע.

— דומהייטען, דוא קענסט דאָך ביידע ניט הייראטען.

— געוויס קען איך ביידע ניט הייראטען, אבער עס בלייבט מיר גלייך מיט וועלכער פון זייא ביידע איך וועל הייראטהען.

— דאן וועהל דיר איינע און דיא אנדערע וועל איך נעהמען.

— ניין, דוא וועהל דיר איינע און איך וועל נעהמען דיא צווייטע.

ביידע יונגע לייט האבען געלאכט, אבער זייא האבען צו קיין בעשלוס נעקענט קומען.

— ווייסטו וואס. האט זעפּפּא פלוצלינג געזאָגט. — איך האב א פּלאַן.

— לאמיר הערען.

— מיר וועלען ווארפען גורל.

— גוט.

— בעשטעהסטו דארויף ?

— געווים.

זייא האבען גענומען צווייא גלייבע שטיקלעך פאפיר, אויפגעשריעבען אויף איינעם דעם נאמען עלענא און אויף דעם אנדערן פילאמעטא, צוזאמען געוויקעלט, און דאן האבען זייא ארויס געצויגען.

דער גורל איז געפאלען, אז ספינאלאטשיא זאל הייראטהען מיט עלענא'ן און זעפפא מיט פילאמעטא'ן.

ביידע פריינד זיינען געוועזען צופריעדען מיט דעם ענטשלוס, און מיט א טאג שפעטער, האט יעדער באזונדער אנגעציינט זיין כלה, אז ער איז בערייט מיט איהר צו הייראטהען.

די מיידלעך זיינען געוועזען פאלקאמען צופריעדען, און ביידע חתונות האבען שטאטגעפונען אין איין טאג ווען אלע בירגער פון סיענא זיינען ערשיענען אבצוגע-בען עהרע דיא צווייא יונגע קופלייטע מיט זייערע שעהנע פרויען.

נאך דער חתונה, אום דיא פריינדע זאלען זיך ניט אבטהיילען פון אנאנדער. האבען זייא געקויפט צווייא הייזער, און אזוי האבען געוואהנט דיא פריינדע און פריינדינען אין נאהענטער בעקאנשאפט וויא פריהער.

3.

ספינעלאטשיא און זעפפא האבען פארטגעזעצט זייערע מסחרים צוזאמען, און זייא האבען געפיהרט זייערע הייזער אין דעם זעלבען סטיל, און פיעלע מאל האבען אלע געגעסען צוזאמען, אמאל אין ספינעלאטשיא'ס וואהנונג און אמאל אין זעפפא'ס.

געהענדיג שפאצירען, האבען זייא זיך געביטען מיט דיא ווייבער, ספינעלא-טשיא האט גענומען פילאמעטא'ן אין ארעם און זעפפא עלענא'ן. איין אנדער מאל האט ספינעלאטשיא פערבראכט א פאאר שטונדען מיט פילאמעטא'ן אין זיין פריינד'ס וואהנונג. און דאסזעלבע האט געטהאן זעפפא אין ספינעלאטשיא'ס וואהנונג.

צווישען דיא צווייא פריינד און פריינדינען, האט ניט עקזיסטירט קיין אייפער-זוכט אדער אירגענד וועלכע שנאה. אלעס איז געוועזען אפען פרייא און פריינדליך.

אבער דאס בלייבט איין אייבינע וואהרהייט, אז צווייא מענשען זיינען ניט געבוירען געווארען מיט דיזעלבע אייגענשאפטען. דיא נאטור ליעבט נאר פערשיע-דענהייטען, און וויא עהנליך צווייא מענשען זאלען זיין, מוז דאך אימער זיין א גרוי-סער אונטערשיעד אין דיא ביידע נאטורען.

אָט דאָס איז אויך גנוועזן צווישען אונזערע צוויא פריינדע ספינעלאַטשיא און זעפּפּא.

וועהרענד זעפּפּא איז געוועזן א מענש פון א רוהיגען טעמפּעראַמענט, איז ספינעלאַטשיא געוועזן אביסעל איין אויפגערעגטער און א היטציגער.

דאן האט ספינעלאַטשיא געהאט נאָך איין אנדערע טבע: ער האט ליעב געהאט אבוועקסלונג, נייעס, פרישעס און אינטערעסאַנטעס.

נאכדעם וויא ער האט אבגעלעבט מיט זיין ברונעטקע עלענא, היבשע עטליכע מאָנאַט, האט פּילאַמעטיא דיא בלאָנדינע, צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמ־קייט. ניט דערפאר ווייל עלענא׳ן האט ער שוין מעהר ניט געליעבט, זאָנדערן בלויז ווייל פּילאַמעטא איז איהם אויך געפעלען און ער האט זיא אויך געליעבט.

אבער דאָך האט ער א היבשע צייט אונטערדריקט זיינע געפיהלע און ניט געוואָנט זייא ארויס צו ווייזען אָבוואהל ער האט געהאט דיא געלעגענהייט דאפיר.

ווירקליך. האט ער זיך געטראכט, דאס וועט הייסען א בעטרוג און א פעררעטה נעגען מיין בעסטען פריינד אין דער וועלט. ניין, דאס קען איך ניט און וועל עס ניט טהאן.

ער האט געליטען און געשוויגען.

נאר צו אונטערדריקען ליעבעס־געפיהלע, איז גלייך וויא מען זאָל פּרובירען צו לעבען אהן א הארץ. א מענש קען שטרעבען דאגעגען, קעמפּפען מיט אלע זיינע מעגליכקייטען, אכטען דיא עהרע און פריינדשאפט, און ווען ער האט א פעסטען כאראַקטער, דאן וועט ער אימשטאנדע זיין דיא ליעבעס געפיהלע צו אונטער־דריקען, ווען עס טרעפט אָבער אויף א מענשען מיט א שוואכען כאראקטער, מוז דיא ליעבע אויסברעכען פון איהר געפענגניס מיט דיא אייזערנע גראַטעס.

ארמער ספינעלאַטשיא, ער האט געקעמפּפט און געליטען א היבשע צייט. נאר ער איז געוועזן צו שוואך פיר אזא קאמפּף, דאפיר האט מען בעדארפט האבען א שטארקערן מענשען וויא ער איז געוועזן.

אין א טאָג, זיצענדיג אין זיין פריינד זעפּפּא׳ס הויז, און רעדענדיג מיט פּילאַמעטא׳ן איבער גאנץ געוועהנליכע זאכען איז ער פּלוצלינג שטיל געבליעבען און פּילאַמעטא׳ס פראגען ניט בעענטפערט

— וואס איז מיט דיר פריינד. האט פּילאַמעטא געפרעגט לאכענדיג ארויס שטעלענדיג איהרע שנעע־ווייסע צייהן, — וואס ביסטו אזוי פערטראכט.

— פערטראכט! האט ער געענטפערט וויא אויפכאפּענדיג זיך פון שלאָף.

— פערטראכט, יא און דוא הערסט גאר ניט וואס איך רייד צו דיר, וואס איז נייעס ?

— גאר ניט.

— אבער דאך ?

— גאר ניט, האב איך דאך געזאגט.

— נו, גערה, שוין גערה, מיט דיר האט עפעס פאסירט.

— גאר ניט.

— האסטו דיך געקריגט מיט עלענא'ן ?

— ניין.

— מיט זעפפא'ן ?

— ניין.

— וואס דען ?

ספינעלאטשיא האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דער שעהנער פילאמעטא, און מיט א ניעדעריגע שטימע האט ער געפרעגט.

— פילאמעטא, וועסטו ניט ברוגז זיין אויף מיר ?

— אויף דיר ? ווארום ?

— איך וויל דיר עפעס זאגען וואס קען דיך פערדריסען.

— מיך פערדריסען ? ווארום ? וואס מיין פריינד וועט מיר זאגען, קען מיך ניט פערדריסען.

— ניין ? ווירקליך ניין ? האט ער געפרעגט ווערענדיג אויפגערעגטער.

זיא האט גוטמוטהיג געלאכט.

— דאן, פילאמעטא —, האט ער געמורמעלט מיט ענטשלאסענהייט, זאלסטו וויסען אז איך ליעב דיך !

ספינעלאטשיא האט ערווארטעט צו זעהען פילאמעטא'ן אויפשפרינגענדיג פון דעם שטוהל אדער רויט ווערען, אבער אנשטאט דעם האט זיא נאר גלייכגילטיג געשמייכעלט.

— איז דאס אלעס וואס דוא האסט מיר צו זאגען ? האט זיא געפרעגט.

— יא, יא, האט ער געשטאמעלט.

— דאן פרייט עס מיך זעהער.

— ווירקליך ?

— יא, ווארום דען ניט ?

— איך.... איך....

זיא האט זיך אויפגעהויבען, געלעגט דיא האנד אויף זיין שולטער און בעמערקט:

— פריינד ספינעלאטשיא, דוא שיינסט מיר צו זיין ליידענד. געה אהיים און רוה דיך אויס. איך וועל באלד אריין קומען העלפען עלענאן דיך צו בערוהיגען.

ער האט צו איהר געבליקט עטליכע אויגענבליקען, דאן האט ער בעמערקט:

— דוא פערשטעהסט מיך ניט. און איז ארויס געלאפען. זיא האט איהם נאכגעקוקט ערשטוינט.

אין א קורצע צייט ארום איז ער צוריק געקומען.

זיין געזיכט איז געוועזען זעהר בלאס.

— פילאמעטא! האט ער געזאגט. — איך וויל דיך עפעס בעטען.

— זאג וואס דוא ווילסט.

— איך בין נימ קראנק.

— דאס פרייט מיך זעהר.

— וואס מיר האבען דא געשפראכען, האט ער פארטגעזעטצט זאל בלייבען א געהיימניס.

— ווארום? וואס איז פאר איין עולה? דוא ליעבסט מיך? געוויס דארפסטו מיך ליעבען....

— דוא פערשטעהסט נים.

— ווארום?

— אך פרעג ניט! איך בעט דיך, וואס מיר האבען גערעדט, זאל בלייבען א געהיימניס.

— א געהיימניס?

— יא.

פיקאמעטא האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען.

— דוא מוזט מיר פערשפרעכען קיינעם ניט צו דאכטען דאריבער וואס מיר האבען ביידע געשפראכען.

— גוט.

— איך דאנק דיר.

ספינעלאטשיא איז דאן אוועק אין זיין הויז.

4.

עס זיינען ווידער פאַראיבער עטליכע טעג און וועהרענד דיעזער צייט, האט זיך ספינעלאטשיא ניט געוויזען אין הויז פון זיין פריינד זעפפא, זיידען דער לעצ־טער איז געווען צו הויז.

אין א טאָג, וועהרענד זעפפא איז געווען אין דער היים, האט זיך פילאמעטא פאר איהם בעקלאָגט, אז עס איז איהר אונהיימליך אליין אין הויז, און אָנשטאָט וואס ער זאמט זיך אזוי פיעל אין גאס, מעג ער אביסעל פריהער אהיים קומען און איהר לייסטען געזעלשאפט.

— וואס איז עפעס היינט מעהר וויא תמיד ? האט זעפפא געפרעגט. — דו האסט דאָך עלענא'ן וועלכע קומט אריין צו דיר אין דיר ?

— עלענא איז מייסטענהיילס אין הויז. האָט זיא געענטפערט.

— אבער ספינעלאטשיא קומט דאָך אָפט אריין ?

— ניין, ער קומט שוין ניט.

— זייט ווען ?

— זייט עטליכע טעג.

— ווארום ?

— איך וויים ניט ; ער איז הפנים ברוגז געוואָרען אויף מיר.

— אויף דיר ?

— יא.

— פאר וואָס ?

— איך וויים ניט.

זעפפא האט געלאכט.

שפעטער האָט ער זיך בעגעגענט מיט ספינעלאטשיא'ן און לאכענדיג האט ער איהם געפרעגט :

— וואס איז עפעס נייעס ? ביסטו ברוגז אויף מיין פרוי ?

ספינעלאטשיא איז אנפאנגס רויט געוואָרען, וועלכעס זיין פריינד האט גליק־ליכער וויזע ניט בעמערקט. נאָר ער האט בעמערקט זעפפא'ס גליקליכען שמייכעל האט ער זיך בערוהיגט און געענטפערט :

— איך בין ניט ברוגז אויף איהר.

— ווארום מיידסטו אָלזאָ מיין הויז ?

— בין איך געכטען ניט געווען בייא דיר ?

— יא, אבער נאר צור צייט וואס איך בין אין דער היים. דוא מעגסט דאך אריין קומען לייסטען אביסעל געזעלשאפט פילאמעטא'ן, ווען איך בין נישטא.

ספינעלאטשיא האט זיך פערטהיידיגט, אז ער איז אימער צופיעל בעשעפטיגט, נאר ער האט פערזיכערט זיין פריינד, אז ער וועט שוין קומען.

נאך אין דעמזעלבען אבענד איז ער אריין אין זיין פריינד'ס וואהנונג.

— אך! האט זיא אויסגעשריען. פריינד ספינעלאטשיא! דאך געקומען?

— יא, אבער. האט ער געשמאמעלט. — וואס האסטו עפעס גערעדט מיט דיין מאן איבער מיר?

— איבער דיר?

— יא.

— אך, איך פערשטעה. האט זיא געזאגט, דוא מיינסט דאס וואס איך האב איהם דערצעהלט, אז דוא ביסט ברוגז אויף מיר?

— איך בין ניט ברוגז.

— ניין? ווארום אלזא קומסטו מעהר ניט אריין?

— דוא ווייסט, פילאמעטא, איך קען ניט. מיין הארץ לאזט מיך ניט.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— וויל איך ליעב דיך!

פילאמעטא האט זיך ווידער צולאכט.

— אזוי נאר? האט זיא געזאגט מיט איהר שעהן-קלינגענדע שטימע. דוא ליעבסט מיך אזוי, אז דוא מיידעסט מיך אויס, א שעהנע ליעבע!

ספינעלאטשיא האט ניט געוואוסט וואס ער זאל זאגען, און ער האט בעסער בעשלאסען צו שווייגען.

— נו, נעה שוין נעה. האט זיא פארטגעזעצט. ווען מען האט ליעב א מענשען דאן מיידעט מען איהם ניט אויס. זייא ניט קיין נאר, קום אריין ווען דוא האסט צייט, מיר איז גאנץ אומעטיג צייטענווייז.

ער איז געשטאנען איינינע אוגענבליקען צעגערענד, דאן האט ער געמורמעלט:

— איך וועל שוין קומען.

בייא דיעזע ווערטער האט ער געוואלט ארויס געהען.

— וואוהין לויפסטו יעצט?

— אהיים.

— צו עלענא'ן?

— יא.

— דא איז גאנץ אליין ?

— יא.

— איך פערשטעה. נעה געזונדערהייט און ווען דוא וועסט צייט האבען קום אריין.

ספינעלאטשיא איז ארויס אויף דער גאס און שווער אויפגעאטהעמט.

ער האט ארום שפאצירט א היבשע צייט אין פערווירדונג, דאן האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום בלויען הימעל, וועלכער איז געווען אויסגעלייגט מיט מיליאָנען פינקלענדע שטערען און געזיפצט.

דיא קיהלע לופט האט אבגעקיהלט זיין ברענענדען שטערן און דאס האט איהם אביסעל בערוהיגט.

— וואס איז דאס פאר א פרוי ? האט ער זיך נעפרעגט. — איך פערשטעה זיא ניט, זאָל דאס אמת זיין, אז זיא בעגרייפט ניט מיינע געפיהלע ? אונמעגליך ! ווען דאס זאל זיין וואהר, דאן וואָלט זיא עס ניט גערעכענט פאר קיין עולה איבער־צוגעבען זעפּפּאָ'ן מיינע ווערטער, אז איך ליעב זיא. אבער זיא האט עס ניט גע־טהאָן, ווייל זיא בעגרייפט דאָך אז דאס איז אונפּאסענד פאר איהר מאן צו וויסען, נאך מעהר, ווען זיא זאָל דאס טהון, דאן וואלט עס געווען א סימן, אז זיא ערווי־דערט ניט מיינע געפיהלע, ווען זיא שוויינט אבער, דאן איז איהר אנגענעהם קיינער זאָל ניט וויסען איבער מיינע געפיהלע, אבער וואָרום שפיעלט זיא אזוי דיא אונשול־דיגע געגען מיר ?

דיעזע פראגע האט ער א היבשע צייט ניט געקענט בעענטפערן.

דאן האט ער ווידער געמורמעלט צו זיך אליין :

— פרויען זיינען אין דיעזע בעציהונגען קליגער און פערשטענדיגער וויא דיא מענער. עס איז אויך מעגליך, אז זיא האט א געוויסע מיינונג דערביי. אבער, ליידער, פערשטעה איך זיא ניט......

איידער ער איז אריין געגאנגען אין הויז האט ער אזוי געטראכט :

דאס הייליגע עוואנגעליום זאָגט : קלאפּט און מען וועט אייך עפענען. נאטירליך עפענט מען ניט אימער אויף'ן ערשטען קלאפּ און אויך ניט אויפ'ן צווייטען, אבער יעדענפאלס, מוז מען ווייטער פּרובירען.

וויא דיא זאך איז, האָט ספּינעלאָטשיא פעסט בעשלאָסען ניט אויפצוגעבען דעם קאמפף.

3.

דיא צווייא פריינדע און שותפים. האבען גוהאט א גרויסען ווייגגארטען, און אום זיך זעלבסט מיט דיא פרויען צו אמוזירען, זיינען זייא אהין ארויס געפאהרען דארט צו פערברענגען עטליכע טעג.

דאמאלס איז געווען גראדע דיא צייט וואס מען האט אבגעקליעבען דיא ווייגטרויבען. וויין איז נאך אלזא נים געווען פון דיעזען יאהר, דערפאר אבער, איז אין קעללער געשטאנען עטליכע פעסער וויין פון 2, 3 און אויך 5 יאהר. דער לעצטער איבערהויפט, איז געווען א חריפות; געשמאק צום טרינקען און זעהר שטארק.

דיא דיענערשאפט אין וויינגארטען האט געוואוסט. אז דיא בעלי־בתים קומען ארויס אויף בעזוך, און מען האט צוליעב זייא געשאכטען א קאלב, געמאכט גוטען בראטען און מען האט גערעקט א שעהנעם טיש.

דיא יונגע מענער מיט דיא פרויען, זיינען געווען מיעד און הונגעריג פון דער רייזע, און זייא האבען זיך צוגעכאפט צום עסען וויא פערהונגערטע,

דאן האט מען אויפגעגעבען איין פלאש נאך דער צווייטער, און דער עולם איז פרעהליך געווארען.

נאכדעם איז מען ארויס אין גארטען שפאצירען, און מען איז דארט פערבליעבען ביז שפעט אין דער נאכט.

לוים אללער געוואהנהייט, האט זעפפא שפאצירט מיט עלענא׳ן און ספינעלאטשיא מיט פילאמעטא׳ן. יעדעס פאאר האט גענומען א בעזונדערע ריכטונג און זייא האבען זיך פערלארען טיעף אין גארטען.

ספינעלאטשיא, וויא עס שיינט, האט געזוכט אזא געלעגענהייט. ווען ער האט זיך געזעהען אליין מיט פילאמעטא׳ן אין דער דונקעלהייט, האט ער זיא איינגעלאדען זיא זאל זיך זעטצען אויף׳ן ווייכען גראז.

זיא האט זיך געזעצט, און ער נעבען איהר.

א היבשע צייט זיינען זייא אזוי געזעסען און געשוויגען.

— וואס ביסטו אזוי טרויעריג? האט פילאמעטא געפרעגט אונטערברעכענדיג דיא שטילקייט.

— איך בין נים טרויעריג.

— וואס דען ביסטו ווען דוא זיצט אזוי?

— איך בין גליקליך!

— גליקליך? ווירקליך?

— יא, פילאמעטא.

— דאן טהייל מיר מיט דיין גליק, פיליכט וועל איך אויך קענען גניע־סען דערפון.

זיא האט געלאכט.

— פילאמעטא! האט ער אויסגעשריען.

— וואס איז מיין פריינד?

— איך ליעב דיך?

— איך דאנק דיר זעהר.

— איך ליעב דיך פון מיין טיעפסטער זעלע!

— דאס איז זעהר קאוואליער־מעסיג.

— אך, פילאמעטא! האט ער אויסגערופען פערצווייפעלט. — איך ליעב דיך און דוא ווילסט מיר ניט פערשטעהען.

— ווער? איך?

— יא, דוא!

— דאן בעגרייף איך דיך ניט. דאכט זיך, דוא רעדסט גאנץ איינפאך, זאגסט אז דוא ליעבסט מיך, און איך פערשטעה גאנץ גוט דיינע ווערטער.

— ניין פילאמעטא!

— וואס דען ווילסטו?

— דוא שפאטעסט פון מיר!

— שפאטען פון דיר וויל דוא ליעבסט מיך! נארישקייטען דאס איז דיין איינגע איינבילדונג.

ספינעלאטשיא האט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען און בעשלאסען, עס זאל פאסירען וואס עס וויל זיך, און ער מוז אויסגעפינען וואו ער שטעהט מיט איהר. ער האט אויסגעשטרעקט זיינע ארעמס, זיא ארום גענומען און זיא לײדענ־שאפטליך געקושט.

זיא האט איהם אביסעל שטרענג אבגעשטויסען פון זיך.

— וואס איז מיט דיר, ספינעלאטשיא? האט זיא איהם געפרעגט.

— איך ליעב דיך!

— ניין, דאס איז דער וויין וואס רעדט פון דיר.

— ניין, ניין. האט ער געענטפערט זיך אביסעל אברוקענדיג, — דאס איז מיין ליידענשאפטליכע ליעבע!

זיא איז געבליעבען שטיל.

ער האט זיא אָבער נאָך אמאָל ארום גענומען.

דיעזעס מאָל האט זיא איהם שוין העפטיגער אָבגעשטויסען פון זיך.

— פע! דאָס איז ניט שעהן! האָט זיא אויסגעשריען.

— אלעס אין דער ליעבע איז שעהן. האָט ער ערווידערט.

— דוא האסט א פרוי. האָט זיא געזאָגט.

— יא.

— מיין פריינדין.

— יא.

— עס איז עלענא, מיין פריינדין, פיעל בעסער וויא א שוועסטער.

— דאָס וויים איך.

— און איהר וועל איך קיין אונרעכט ניט טהון.

ספּינעלאטשיא האט טיעף אויפגעאטהעמט.

— דאָ, פילאמעטא, מיין שעהנע פילאמעטא! האט ער אויסגעשריען.

ליעבסטו מיך דאך?

זיא האט געשוויעגען.

— און נאָר העלענא שטעהט דיר אין וועג? האט ער וויטער געפרעגט.

— זיא שטעהט מיר נאר ניט אין וועג. האָט זיא געענטפערט שטרענג.

נאָר זיא איז מיין בעסטע פריינדין אין דער וועלט, און ווען דוא ליעבסט זיא ניט מעהר, דאן האָס איך דיך!

— ווער ליעבט זיא ניט מעהר?

— דוא.

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

— דוא זעלבסט, מיט דיינע בענעהמונגען.

— זעהסטו, פילאמינטא דוא האסט א גרויסען אירטהום.

— האסטו מיר ניט געזאגט, אז דוא ליעבסט מיך? האט זיא געפרעגט.

יא.

— דאן ליעבסטו מעהר ניט עלענא'ן.

— זעהסטו פילאמעטא דוא האָסט א גרויסען טעות. איך האב עלענא'ן אימער געליעבט און ליעב זיא נאָך יעצט אויך.

— און דיין ליעבע צו מיר?

— דאָס איז איין עקסטרא זאך.

— איך פערשטעה ניט.... האָט זיא געשטאמעלט.

— אך, נאר עלע. האט ער געזאָגט זיך צורוקענדיג געהענטער, איך ליעב זיא און ליעב דיך אויך. עס איז דאסזעלבע געווען פאר דער חתונה; איך האב אייך דאמאלס אויך ביידע געליעבט.... קינד וואס דוא ביסט, איך האב א גרויסעס הארץ, און איך קען ליעבען אייך ביידע.

פילאטעטא האט נאך א פאאר מאל פראטעסטירט, זיך נים געוואָלט גלויבען וואס ספינעלאטשיא זאָגט איהר, אבער ער האט דערשטיקט איהרע ווערטער מיט זיינע ליידענשאפטליכע קושען.

ווען זייא האבען זיך אויפגעהויבען פון דעם גראז, האט פילאמעטא געוויינט.

— וואָס וויינסטו, פילאמעטא? האט ער געפרעגט.

— איך ווין דערפאר, האט זיא געזאָגט. ווייל איך האב בעטראגען מיי עדעלסטע פריינדין.

— דוא האסט זיא גאר נים בעטראָגען.

— וויא אזוי וויים איך דאָס?

— ווען דוא וועסט אויסגעפינען, אז מיין ליעבע צו איהר איז קלענער געוואָרען וויא פריהער דאן זאָלסטו מיך האסען און פעו דאמען.

זיא האט געשוויעגען.

אין א האלבע שטונדע ארום, האָבען זייא געגרייכט דאס הויז פון דעם וויינגארטען.

א דיענער האט זייא בעגעגענט.

— וואו איז זעפפא? האט ספינעלאטשיא געפרעגט.

— ער איז אינוועניג. האט דער דיענער געענטפערט.

— און עלענא?

— אויך אינוועניג.

— וואס טהון זייא דארט?

— זייא טרינקען וויין.

ווען ספינעלאטשיא און פילאמעטא זיינען אריין געקומען, האָבען זייא גע־טראָפען זייערע פריינדע זיטצענדיג ביים טיש שוין א רעכט ביסעל בעטרונקען און רעכט פרעהליך.

— אך, ספינעלאטשיא! האט זעפפא אויסגעשריען.—זעה ווער עס איז קליע־נער, איך אדער דוא? דוא מיט פילעמעטא׳ן געהט ארום שפאצירען וויא דיא ציענען געגען דיא לבנה, און איך מיט עלענא׳ן טרינקען דעם וויין וואָס פילכט אונז אָן מיט לעבען!

אלע האבען זיך דאן געזעצט און האבען אָנגעפאנגען ערשט אויף'ן נייעם חשבון צו טרינקען ווין.

6.

ביים אלטאר אין דער קירכע, האט פילאמעטא געשוואָרען צו בלייבען טריי איהר מאן ביז אין טויט.

אין רויש פון דער ליעבע און אין רויש פון דעם גוטען וויין, האט זיא דאס ניט געדענקט, נאָר שפּעטער האט זיא זיך ערֿאינערט דאריבער, און זיא האט אויפגעציטערט.

אבער האט דיא רעליגיאָן ווירקליך געמאכט איבער איהר אזא איינדרוק? ווען פילאמעטא זעלבסט וואָלט אונטערזוכט איהרע געדאנקען, דאן וואָלט זיא איינגעזעהען, אז דאס איז ניט דער פאל. בעסער געזאָגט, דיא עבירה אליין, אז זיא האט בעטראָגען איהר מאן, איז נאָך נים געווען אזוי גרויס אין איהרע אויגען, אבער דאס בעוואוסטזיין, אז זיא האט בעטראָגען איהר פריינדין עלענא האט זיא זעהר געערגערט.

זיא האט זיך אפילו צייטענווייז געטרייסט דערמיט, וואס ספּינעלאטשיא האט ווארט געהאלטען און איז געבליעבען אזוי צערטליך צו עלענא'ן וויא פריהער, אבער דאָך, האט זיא מיט איהר געוויסען ניט געקענט ריכטיג ווערען.

אלזאָ פילאמעטא האט טאקע געליעבט, נאָר זיא איז געווען אונגליקליך אין איהר ליעבע. עס איז געווען גראדע וויא איינער עסט א גוטע שפּייז, און ווען עס קומט צום פערדייען, פיהלט ער גאל אין מויל.

פילאמעטא'ס אונרוהע און אונצופריעדענהייט מיט זיך זעלבסט, האט אָנגע־הויבען צו וואקסען פון טאָג צו טאָג, און זיא האט אליין ניט געוואוסט וויא זיא קען זיך בערוהיגען.

מיט ספּינעלאטשיא'ן, האט זיא זיך אונטערדעסען זעהר אָפט בעגעגענט. זיא האט איהם געליעבט פון איהר טיעפע זעעלע.

אבער זייא זיינען געווען זעהר פאָרזיכטיג. אימער האבען זייא אכטונג געגעבען, דאס ניעמאנד זאָל האבען דעם מינדעסטען פערדאכט איבער זייערע ליע־בעס פערהעלטניסע.

עס איז אמת, יעדע בעגעגענונג מיט איהר געליעבטען, האט פילאמעטא'ן געקאָסט ערגערניס און שמערץ, אבער זיא איז געווען וויא א שיכור וואס זאגט:

— עס איז שוין קיין חלוק ניט ווען מען טרינקט נאך א פאאר גלעזער מען איז אלץ דער זעלבער שיכור.

אונטערדעסען האט פילאמעטא אנגעפאנגען צו ענטווארפען פלענער וויא אזוי צו פערגרינגערן איהר געוויסען.

אלס גוטע און פרומע קאטאליקין, האט זיא געוואוסט, אז דיא איינציגע רפואה דערצו איז דער גלה, פאר וועלכען מען עפענט דאס הארץ און מען איז זיך מתודה אויף דיא זינד.

זיא האט געהאט איהר גייסטליכען פאר וועלכען זיא האט זיך אימער מתודה געווען, אבער פאר דיעזען גייסטליכען צו דערצעהלען אזא סוד, האט פילאמעטא ניט געוואגט.

פאטער אנטאניוס די פאריטא, איז געוועז א מאן פון א יאהר 30; הויך געוואקסען, שעהן און פול מיט לעבענס-לוסט.

פילאמעטא איז קיינמאל מיט איהם ניט אריין געגאנגען אין טיעפע דרכים, דען זיא האט געוואוסט דאס אלטע שפריכווארט, אז דעם טייפעל און א גלה, איז נאר שווער צו געטרויען א פינגער, און דאן ווערט מען אין גאנצען אריין געשלעפט.

אונטערדעסען האט פילאמעטא גאנץ גוט בעגריפען ווער פאטער אנטאניוס קען זיין, ווען מען זאל איהם געטרויען א פינגער.

זיא האט זיך ערינערט. דאס בייא יעדע ספאוויעדע, ווען זיא איז פאר איהם ערשיענען, האט ער צו איהר אויפגעהויבען זיינע לעבהאפטע און גלענצענדע אויגען, און אין זיין בליק איז ניט נאר געלעגען בעוואונדערונג צו איהר שענהייט, זאנדערן אויך א נייגיעריגע לוסט.

אבער דער הייליגער פאטער אנטאניוס האט גאנץ גוט געקענט פילאמעטא'ן, אז מיט איהר טאר מען זיך קיין שפאס ניט ערלויבען זאנסט איז איהר מאן, זעפפא אימשטאנדע איהם אבצוקיהלען מיט זיין מעסער.

יא, דאס אלעס האט פילאמעטא גאנץ גוט געוואוסט, אבער ליידער האט זיא קיין איינציגען אויסוועג ניט געזעהען וויא אזוי זיא קען זיך בעסער העלפען.

לאמיר אננעהמען, אז זיא וועט שוין אויפזוכען איין אנדערן גייסטליכען, אום זיך פאר איהם מתודה צו זיין, דאן וועט באלד ענטשטעהען דיא פראגע, ווארום זיא איז אוועק פון פאטער אנטאניוס. מען וועט רעדען, פרעגען און מורמלען, און זיא האט געוואלט פערמיידען דעם מינדעסטען פערדאכט.

איבריגענס, ווער קען זיין דער אנדערער גייסטליכער? אין שטאדט זיינען

געווען נאָך 3 אויסער פּאָטער אנטאָניוס. צום ביישפּיעל, פּאָטער העלעוועציוס. אפילו שוין א זעכציגער, אבער דערפאר האט יעדער געוואוסט, אז ער איז א נעפּעהרליבער מענש, און קיין פרוי דארף זיך פאר איהם געטרויען מיט א סוד.

דיא אנדערע צוויא, זיינען געווען אויך יונג, און דערצו האט זייא פילאמעטא זעהר ווענינ געקענט.

זיא איז אלזא געקומען צום בעשלוס אז אלע הינט האָבען איין פּנים, און יעדענפאלס איז עס א געוואגטער שריט צו דערצעהלען אזא סוד.

פילאמעטא האט פּראָבירט צו ערלייכטערן איהר געוויסען אין געבעטע, און זיא האט ניט איינמאָל פערבראכט שטונדען־לאנג פאר דעם בילד פון דער הייליגער מוטער מאריא, אבער אויסער א מאָמענטאלע בערוהיגונג, האט זיא ניט געקענט האבען.

עס איז איינמאָל בעשטימט געוואָרען פון דער היילינער קאטאָלישער קירכע. אז א מענש, וועלכער וויל פערלייכטערן זיין געוויסען, מוז ער עפענען זיין הארץ פאר א פארשטעהער פון דער קירכע, פאר א גלח.

אבער דיא גלחים זיינען מייסטענטהיילס אזעלכע שופטען, אז מען קען זייא ניט אלעס דערצעהלען.

עס שטעלט זיך דאָ א וויכטיגע פראגע איבער פילאמעטיאס דענקען צו יענער צייט.

וואס, צום ביישפּיעל, האט זיא געקענט רעכענען, וועט שאדען, ווען זיא וועט זיך פערטרויען פאר פאָטער אנטאָניוס ?

וועט ער געהען יעמאנדען דערצעהלען איהר סוד? ווארום זאָל עס טהון ? וואס וועט איהם דערפון ארויס קומען ? וועלבען צוועק קען ער ערדייכען ?

אָט דיעזעלבע געדאנקען האט פילאמעטא אויך געהאט, און דאָך האט צו איהר געזאָגט איין אינערליכע שטימע, אז זיא דארף אזא שריט ניט מאכען.

דער בעסטער סוד איז, ווען איינער ווייס פון איהם ; און צווייא ווייסען אוןביידע זיינען פעראינטערעסירט אין דעם סוד, איז ער אפילו אויך זיכער, אבער דאָך ניט אזוי זיכער וויא איינער ווייס נאָר. אבער א דריטער זאל וויסען, איבערהויפּט קיין אינטערעסירטער אין דער אנגעלעגענהייט, דאן הערט עס אויף צו זיין א סוד.

דאס אלעס האט פילאמעטא גאנץ גוט פערשטאנען, און זיא האט בעשלאָסען צו ליידען איידער זיך צו פערטרויען אויף פּאָטער אנטאָניוס.

אבער, וויא זאגט מען עס ; „דער מענש טראכט און גאָט לאכט. עס איז

ניט אימער וויא דער מענש וויל זאָנדערן וויא גאָט בעשליעסט. און ווער קען דאס וואגען איבערצוטרעטען גאָט'ס ווילען.

איבער פילאָמעטא'ס שיקזאל האט גאָט אליין בעשלאָסען, און מיר וועלען באלד ערפאהרען וואס עס האט פּאסירט.

7.

גוט אלזאָ, פילאָמעטא האט פאר פּאָטער אנטאָניוס ניט געוואלט דערצעה־לען איהר געהיימניס איבער דיא פּיצרהעלטניסע מיט ספּינעלאָטשיא'ן, אבער מתודה זיין זיך אויף אנדערע זינד, האט זיא דאָך בעדאַרפט.

דיא וואהרהייט איז, אז פילאָמעטא האט בעטראַכט אלע אנדערע זינד, פאר א נאר ניט געוועזן איהר זינדיגער ליעבע, און ווען עס זאל געוועזן זיין אָן איהר אליין אנגעזעהען, כל־זמן זיא האט איהם דיא הויפּטעביירה ניט געקענט ענטדעקען. —אבער מען לעבט דאָך אונטער א וועלט מענשען. און מען וועט באלד ערפאהרען איז שטעטעל, אז פילאָמעטא טראָגט זיך ארום מיט א פּעקעל זינד אויף דיא פּלייצעס.

זיא איז אלזאָ געגאַנגען זיך מתודה זיין, און זיא האט אימער דערצעהלט פּאטער אנטאָניוס, אז זיא האט געגעסען אייער אם פרייטאג, אויך פערזוכט א שטיקעל פלייש דורך איין אירטהום, אין דעמזעלבען טאָג; דאס זיא האט פער־פעהלט דאס אבענד־געבעט און עהנליכע אזעלכע קלייניגקייטען.

פּאטער אנטאָניוס איז שוין געוועזן 9 יאָהר א בייכט־פּאטער און דערצו האט ער געהאַט דיא שענסטע מיידלעך און ווייבלעך פון דער שטאָט אלס זיינע בעזוכער.

אין דיעזער לאנגער צייט, האט ער געגאַסען א היבשע ביסעל ערפאהרונג, און ער האט בוכשטעבליך פיעלע מאָל געקענט ארונטערלעזען געוויסע זינד פון דעם געזיכט פון זיין בעזוכער.

ער האט אויך גאַנץ גוט געוואוסט, ווען יעמאַנד האט פאר איהם עפּעס פערבאָרגען, אבער ער האט זיך דאריבער ניט פיעל געערגערט, דען ער איז אימער צופריעדען געוועזן כדי צו ווערען פון דעם בעזוכער, ניט מעהר צו הערען דיא דומע פּלוידערייא. אוועק נעהמען דעם מזומן און וואס שנעל אויסשפּרעכען.

— אין נאמען פון גאָט, זיין זוהן, דער הייליגער גייסט און דיא מוטער מאריא — דיינע זינד זיינען פערגעבען געוואָרען.

ווען א בעזוכעריז האט איהם אפילו אמאָל מעהר אינטערעסירט און ער האט איינגעזעהען, אז זיא פערבאָרגט, האט ער זיך בעטראַכט;

— מיין לעצטע דאגה זאָל דאס בלייבען.

פילאמעטא האט עס אויך גוט בעגריפען.

איהם איז שווער געווען צו נארען.

וועהרענד זיא האט איהם אויסדערצעהלט איהרע קליינע עבירה'לעך, און האט פאר איהם געקניעט, האט אנטאניוס געשמייכעלט צו זיך אליין, און געטראכט:

— אין דיין בוזים ליעגט פערבאָרגען א גרעסערע זינד. אבער ווארט. איך וועל עס אויסגעפינען, וויל דוא אינטערעסירסט מיך זעהער.

אנטאניוס האט פערשטאנען, אז ער מוז זיין פאָרזיכטיג, און ער איז עס אויך געווען.

יא, דער טייפעל קען גאר ניט טהון איידער מען גיבט איהם א פינגער. ער מוז האבען דעם פינגער, און דאס איבריגע קומט שוין נאָך

נאכדעם וויא פילאמעטא האט זיך מתודה געווען. האט זיא זיך אויפגעהויבען, בעצאהלען דיא געוועהנליכע טאקסע און איז אוועק אהיים. אנטאניוס האט ניט מיט קיין ווארט און ניט מיט קיין מיענע פערראטהען זיין פערדאכט. אין געגענטהייל, ער האט זיך נאָך געוויזען פרימער וויא געוועהנליך, און זיך געטרייסט, אז פריהער אדער שפעטער וועט ער וויסען אלעס וואס ער איז נייגיעריג צו וויסען.

אין א פאָאר וואכען ארום איז פילאמעטא ווידער ערשיענען און איהר בליק איז געלעגען א שרעק און א פערצווייפלונג, אנטאניוס האט געפרעגט:

— זייט איהר קראנק, פילאמעטא?

— ניין, פאָטער. האט זיא געענטפערט ציטערענד.

— איך האב געמיינט, אז איהר זייט ליידענד. האט ער פארטגעזעצט. נאר ווען איך האב א טעות, דאן פרייט עס מיך זעהער; וויא געהט עס אייער מאן?

— געזונד דאנקען גאָט.

אנטאניוס האט זיך פערטראכט, דאן האט ער געהייסען פילאמעטאן זיטצען.

זיא האט זיך געזעצט.

— זעהט איהר. פילאמעטא. האט ער אנגעפאנגען, דיא מענשליכע קראנקהייטען בריימען זיך אויס אין צוויערלייא ארטען: אין קערפערליכע קראנקהייטע און גייסטיגע קראנקהייטען. גאט קען היילען ביידע־ערלייא קראנקהייטען, נאָר פאר דיא ערשטע האט ער געשטעלט שלוחים, דיא ערצטע, וועהרענד פאר דיא צווייטע דיא גייסטליכע איז ער אליין דער רופא.

די צווייַ פאָרלאַד

בעאַרבייטעט נאָך

באָקאַטשיא

פון

ד. מ. הערמאַלין.

פרייז 10 סענט.

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
50-52 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.
1912.

פילאמעטא איז געוואָרען אונרוהיג.

ווייס ער פון איהרע קראַנקהייטען אדער ליידען? וואס פאר איין אהנונג האט ער דערפון? וויא אזוי האט ע רדערראטען אז איהר ליידעט עפּעס אויף'ן הארצען?

אלע דיעזע פראַגען האט זיא ניט געוואוסט וויא צו בעאַנטוואָרטען, נאָר נאָך איין איבערלעגונג, האָט זיא געטראַכט:

— מי יודע? פיעללייכט איז גאר פּאַטער אנטאניוס, נאָך אלעמען, גאָר א געטליכער מאַן? פיעללייכט ווייס ער דאס אלעס מיט'ן רוח־הקודש? היינט וואס קען דאָ נוטצען צו פערבאָרגען און בעהאַלטען?

אונטערדעסען איז ניט אזוי לייכט געווען זיא צו בעוועגען צו עפענען איהר מויל.

8.

פילאמעטא האט זיך פאַרבערייטעט צו דער וידוי.

אנטאניוס האט אויף איהר געקוקט מיט א מיטליידיגען בליק, גלייך וויא ער וואלט אויף איהר רחמנות געהאַט ווארום זיא ליידעט.

ווען זיא האט ניעדער געקניט, האט אנטאניוס בעמערקט:

— פילאמעטא! דער מענש איז געבאָרען געוואָרען צו זינדיגען און תשובה טהון. פאָלקאמענע בּרואים זיינען נאר דיא מלאכים, זייא זינדיגען ניט. דערצו אבער זיינען זייא פון פייער. מיר פראָסטע בשר־ודם'ניקעס מוזען זינדיגען — איינער זינדיגט מעהר אונד דער אנדעדער ווענינער. אבער אהן זינד קען עס ניט זיין, גאָט'ס עובדה איז עס צו פערצייהען אונזערע זינד; ער זיצט און ערוואַרטעט מיר זאָלען זיך צו איהם ווענדען מיט א געבראָכענעם הארץ און מיט איין אופריכטיגער חרטה, דאן איז ער אונז מוחל. יא, מיין קינד, אום זיך מודה צו זיין אויף דיא זינד, מוז מען זיין א מענש מיט א פעסטען כאַראַקטער, ענטשלאָסענהייט און מוטה. דערפאַר אבער ווערט מען נאַכהער רוהיג און מען קען ערשטיללען דאס געוויסען. גאט האט געזעצט זיינע פערטרעטער אויף דער ערד, דיא גייסטליכע, זייא זאָלען פערצייהען דיא זינד פון דיא פערפיהרטע און פערנאַרטע....

אנטאניוס איז אונטערבראָכען געוואָרען.

דיא אורזאַכע דערפון איז געווען, וואס פילאמעטא האט אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

ער האט זיא געקוזט ווייגען.

דאן, נאך אימער וויינענדיג האט זיא אנגעפאנגען צו דערציילען איהר זינד.

זיא האט אבער אזוי העפטיג געבליבען, דאס ער האט כמעט גאר ניט פערשטאנען וואס זיא דערצעהלט איהם.

יא, פילאמעטא איז געווען זיכער אז זיא מוז ארויס מיט איהר סוד, ווען עס זאל נאך אירגענד עטוואס פאסירען. זיא האט אנגעהויבען צו שילדערן דיא גע־שיכטע פון איהרע פערהעלטניסע מיט כפינעלאטשיא'ן.

— ווארט אויס, מיין קינד, האט פאטער אנטאניוס געזאגט, — דוא מוזט נאך אמאל אנפאנגען. זעה, בערוהיג זיך, ווישׁ אויס דיינע אויגען און דערצעהל מיר גאנץ דייטליך אלעס וואס עס איז אויף דיין הארצען. אבער עס מוז זיין דייט־ליך, דען דיא זינד וואס איך פערציה, מוזען פון מיר פריהער פערשטאנען ווערען. דאן, מענסטו זיכער זיין, ועסטו שוין ניט האבען וואס צו וויינען און קלאגען. אין נאמען פון גאט, זיין זוהן און היילינען גייסט, וועל איך דיר אלעס פערצייהען.

פילאמעטא האט זיך אויסגעווישט דיא אויגען, אבער זיא האט נאך אימער געצענערט.

— אלזא ? האט ער געפרעגט.

— באלד, באלד, האט זיא געענטפערט.

— דוא ועסט מיר ענטשולדיגען, מיין קינד, איך האב נאך היינט זעהר פיעלעס צו בעזארגען און דיא צייט געהט פאראיבער.

מיט ארונטער געלאזטע אויגען או טיעף־איינגעבויגענעם קאפ. האט פילא־מעטא אבגעשילדערט אלעס פאר אנטאניוס'ן.

— און ער איז דיין פריינדין'ס מאן ? האט אנטאניוס געפרעגט צום שלוס.

— יא.

— זיין נאמען איז ספינעלאטשיא ?

— יא.

— איך קען איהם גאנץ גוט. אבער ווייסטו, מאכטער, אז דיין פערברעכען זעהר גרויס ?

— דאס ווייס איך, האט זיא געשטיטמעלט.

— דיינע זינד פאדערן א גרויסע כפרה.

— איך ווייס.

— ניין, דוא ווייסט ניט. איך קען נאר דיינע זינד פערצייהען. ווען איך וועל פערזענליך פאר דיר זאגען דיא ספעציעלע תפילות.

פילאמעטא האט געזיפצט.

דאן האט זיא בעמערקט:

— איך וועל אייך אייביג דאנקבאר זיין.

— גוט, האט אנטאניוס געזאגט — איך וועל שוין פאר דיר טהון דיא נעטהיגע פפליכט, אבער ביסטו זיכער, אז דוא וועסט שוין מעהר ניט זינדיגען?

פילאמעטא האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— ועהסטו, האט אנטאניוס פארטגעזעצט, — איך האב פאר דיר זעהר א גוטען פלאן.

— איך וויל הערען וואס איהר האט מיר צו זאגען.

— האסטו געהאט פון די קוויטלעך וואס דער פאפסט האט ארויס געגעבען?

— ניין.

— דאן וועל איך דיר דערצעהלען; אין רוים ווערט יעצט געבויט דיא סט. פעטרוס קירכע און מען דארף האבען געלד, ווער עס קויפט א קוויטעל פון דעם פאפסט, דעם איז גאָט מוחל דיא זינד פון זיין גאנצען לעבען.

— ווירקליך?

— יא.

— אלזא, איך בין בערייט צו קויפען א קוויטעל.

— זעהר שעהן.

— און וויפיל קאָסט דאס?

— קיין געלד.

ביי דיעזע ווערטער האט ער פילאמעטא'ן ארום געכאפט און זיא אנגע־פאנגען צו קושען.

— קיין געלד. האט ער געמורמעלט. — בלויז דיין ליעבע קען דאס ביי מיר ארויס קריגען.

זי האט געשטרעבט געגען זיין אומארמונג און זיך ענדליך פון איהם בעפרייט.

3.

ווען זיא איז לויז געווארען פון איהם, איז זיא געבליעבען שטעהען ערשטוינט.

ער האט געבליקט צו איהר מיט א טייפלישען שמייכעלע.

אויף איהר געזיכט איז געלעגען אונגעפעהר דיעזער אויסדרוק. און דאס איז דער וועמען איך האב געטרויט?

— וואס האסטו אזוי געקעמפפט ? האט ער ענדליך געפרעגט.

— ווייל עס איז ניט שעהן.

— וואס איז ניט שעהן ?

— אייער בענעהמונג.

— ווארום ?

זיא האט געשטאמעלט און ניט געוואוסט וואס זיא זאל איהם ענטפערן

— חא, חא, חא. האט ער אויפגעפאנגען לאכענדיג. וואס בין איך ערגער פון ספינעלאטשיא ? מיט איהם יא און מיט מיר ניט ?

זיא האט נאך אימער געשוויעגען.

ער איז צוגעגאנגען נעהנטער, און זיא, וויא א געיאגטעס טהיר, האט זיא איהם אויסגעמיעדען.

— ווייסטו. האט ער אנגעפאנגען. — אז אויף דיינע זינד האב איך ניט מוחל געוועזן ?

זיא האט געציטערט און געענטפערט :

— יא.

— זעהסטו. האט ער ווייטער געזאגט. דיין פערגאנגענהייט און דיין צוקונפט זיינען ביי מיר אין דיא הענד. איך בין אימשטאנדע צו בערוהיגען דיין געוויסען, פאר דיר עפענען א פרייען וועג צו טהון וואס דוא ווילסט און וואס דיר געפעלט.

אין אנטאניוס' געדאנקען איז דאמאלס גאר געלעגען דיא איינציגע אידעע, אז אלעס וואס האלט אָב א פרוי פון צו זינדיגען, איז די מורא פאר איין עבירה. ווען דיעזע מורא איז אָבגעשאפט. דאן וועט די פרוי טהון אירגענד עפעס וואס אירגענד וועלכער לומפיגער מאן וועט פון איהר פערלאנגען.

עס איז איהם גאר ניט איינגעפאלען, אז דיא פרוי זעלבסט, איהר פערזענליכקייט, שפיעלט אויך א ראָלע. עס איז איהם גאר ניט געקומען אויפ'ן זינען, אז דיא פרוי זעלבסט מוז פריהער ליעבען דיא פערזאן צו וועמען זיא שיינקט אוועק איהר ליעבע.

ספינעלאטשיא'ן האט זי געליעבט און דערפאר האט זיא ערפילט זיין וואונש: ספינעלאטשיא איז צו איהר געוועזן צערטליך און זיא אויך געליעבט, און דערפאר איז זיא פון איהם געוועזן צופריעדען. אָבער אנטאניוס'ן ? איהם האט זיא פעראכטעט דערפאר, ווייל אין זיין מאנטעל פון הייליגקייט האט ער ארום געטראָגען א טייפעל.

אבער וואס האט זיא געקענט טהון ? זיא האט אבער דאך געגלויבט, אז

איהר זינד מוז האבען א כפרה, און דערצו מוז זיא אויסווירקען זיין פער־צייהונג.

דיא פראגע, וויא אזוי אזא לומפינער שופט קען מוחל זיין זינד, איז שוין לאנג פערענטפערט געוואָרען. מען האט דעריבער ניט נור איינמאָל געשפּראָכען בייא איהרע עלטערן און אין דער נאכבארשאפט.

עס פּאסירען צייטען וואָס דער טייפעל האט דעם וועג צום גן־עדן, און דאַ־מאלס, נאטירליך דארף מען נושא חן זיין ביים טייפעל ער זאָל פרייא מאכען דעם וועג. יעצט איז אויך געוועזען איין עהנליכע זאך, אנטאניוס דער לומפּ, האט געהאט דעם וועג צום גן־עדן פיר איהר, און אין זיין מאכט איז עס געלעגען זיא צו לאזען דורכגעהען.

זיא האט פּאָזיטיוו פערשטאנען וואס ער וויל; נאך מעהר, זיא האט זאגאר געוואוסט, אז זיא קען בייא איהם אויסווירקען א פערצייהונג פיר דער פערגאנגענ־הייט און דערצו דאס קוויטעל פיר א פערצייהונג פיר אלע זינד אין דער צוקונפט.

דאס אלעס האט זיא געקענט בועל'ן, פאר ערפילען זיין וואונש, אבער בייא זיך אליין האט זיא דאָס דאך ניט געקענט אויסווירקען.

זינד אדער ניט זינד, א זיטטליכע פרוי האט אייגענע נייגונגען, און ווען עס איז א ווידערשפּרוך צו דיזע נייגונגען, וועט זיא גיט איינשטימען דערצו.

אלזא, וואָס זאגסטו?" האָט ער געזאָגט ווערענדיג אונגעדולדיג.

— איך ווייס ניט האט זיא געשטאמעלט.

— גוט, איך וועל דיר יעצט אָפּלאזען, און דוא זאלסט עס איבערלעגען. זעהסטו איך וויל דיר ניט צווינגען. זאל זיין פיר דאָס צווייטען מאָל. געה אהיים איבערלייג דיר דאס אלעס, און דאן קום צו מיר מיט איין ענטפער.

זיא איז צופריעדען געוועזען לויז צו ווערען פון זיין געגענווארט. און איז אוועק אהיים.

איבער'ן וועג האָט זיא גוט נאָכגעדענקט איבער דעם וואס עס האט פּאסירט און זיא האט בייא זיך בעשלאסען, אז עס זאל געשעהען וואס עס וויל זיך, דאס הייסט, מען זאל איהר טהאן אויף יענער וועלט וואָס מען וויל, אָבער זיא וועט זיך דעם לומפּינען גלח ניט איבערגעבען.

— איך האס איהם, האָט זיא געמורמעלט צאָרניג, „און איך וועל עס מיר זעלבסט קיינמאָל ניט קענען פערצייהען ווען גאט זאל דאס מיר אויך מוחל זיין טויזענדער מאָל.

פון איהר האט געשפּראכען דיא ריינע פרויען נאטור, אבער ליידער איז

איהר כאראקטער געווען צו שוואך, און זיא האט ניט לאנג געקענט פערבלייבען ביי איהרע איבערצייגונגען.

עס זיינען פאריבער עטליכע טעג, און דאס געוויסען האט זיא ווידער אמאל אנגעפאנגען צו פלאגען איבער איהרע זינד זיא האט איינגעזעהען, אז זיא מוז האבען א פערצייהונג, זאנסט וועט זיא ניט רוהען.

אבער דיזע פערצייהונגען האט זיא ניט געוואלט אויסווירקען מיט איהר ליעבע וואס זיא זאל אפמערען דעם שמוציגען געלד.

פילאמעטא האט געהאט א פייען צוטריט צו איהר מאן'ס און צו איהר געליעבטענס געלד. זיא האט דערפאר מיטגענומען א היבשע סומע געלד און איז צו איהם אוועק.

ווען אנטאניוס האט זיא ערבליקט, האבען זיינע אויגען אויפגעטאנצט פול מיט פרייד.

„ענדליך געקומען זי" האט ער אויסגערופען און געוואלט לעגען אויף איהר דיא האנד.

פילאמעטא האט איהם אויסגעמיעדען און איהם דאן ערקלעהרט אז זיא איז בעריית צו בעצאהלען א גרויסע סומע געלד פאר דער פערצייהונג פון איהרע זינד און פאר דעם קוויטעל.

דיא אנגערופענע סומע האט איהם איבערראשט, און ער האט איהר פאר־שלאג אקצעפטירט.

דער האנדעל איז געשלאסען געווארען, און נאכדעם ווי ער האט בעקומען דאס געלד און זיא דיא פערצייהונג מיט דעם קוויטעל, האט ער פערריגעלט דיא טהיר.

10.

„וואס איז דאס ?" האט פילאמעטא דערשראקען געפרעגט.

אנטאניוס, מיט ברענענדע אויגען פאר אויפרעגונג, איז צו איהר צוגעגאנגען און זיא געוואלט אומארמען. פילאמעטא איז אנטלאפען אין א ווינקעל.

„אך, מיין שעהנעס קינד! האט דער גלח געמורמעלט, „זיי ניט קיין נארר; אלע דיינע עבירות וועלען פון יעטצט אן און ווייטער ניט געשריבען ווערען".

ער איז צוגעקומען נעהענטער און זיא געפאקט אין א ווינקעל.

„לאז מיך אב האט זיא געשריען, ווייל באלד וועל איך מאכען אזא רעש, דאס מען וועט זיך צוזאמענלויפען".

— זעה וויא אונפראקטיש דוא ביסט, האט ער געזאגט, איך האב מיך פאר אלעמען בעווארענט, דיא דיענערשאפט איז נישטא אין דער היים, און דוא מעגסט שרייען וויפיעל דוא ווילסט. דוא מוזט זיין מיינע, ווען איך זאל אפילו וויסען, אז עס וועט מיך קאסטען מיין לעבען!

פיקאמעטא איז בלאס געווארען און אנגעהויבען צו ציטערען. זיא האט בעמערקט דיא מעכטיגע פיגור פון דעם גלח, און זיא האט פערשטאנען, אז זיא וועט זיך פון איהם ניט קענען רעטען. אונטערדעסען האט זיא בעשלאסען צו קעמפפען אזוי לאנג וויא זיא וועט האבען קרעפטען.

פיקאמעטא איז געוועזען פון דער נאטור א פרומע זעעלע. זיא וואלט פאר קיין זאך אין דער וועלט זיך איבערגעגעבען א פרעמדען מאן, סיידען זיא זאל צו איהם שפירען איין אונווידערשטעבליכע ליעבע. ווען זיא האט זיך איבערגעגעבען צו ספינאלאטשיאן, איז עס ניט געוועזען אויס אויסגעלאסענהייט, זאנדערן אויס וואהרע ליעבעס-געפיהלע, און אין יענעם מאמענט האט זיא צו איהם געשפירט גראדע אזא בערעכטיגטע נייגונג וויא צו איהר מאן. דיא וואהרע ליעבע האט פאר איהר אלעס ערלויבט.

אבער א צוזאמענקופט מיט אנטאניוס'ן מיט א מאן וועלכען זיא האט ניט געליעבט און נאך פיעללייכט פעראכטעט, האט זיא אום קיינעם פרייז בייא זיך ניט געקענט פועל'ן. דיא טהאטזאכע, אז זיא האט א קווימעל וואס בעפרייעט זיא פון אלע זינד, האט איהר זעלבסטאכטונג ניט געקענט ריהרען.

ווען אנטאניוס האט געזעהען, אז מיט גוטען געהט עס ניט, האט ער אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענד און אומארמט פילאמעטאס צארטען קערפער. זיא האט געקעמפפט און זיך געווארפען, אבער זיא איז געוועזען הילפלאז.

דאן האט ער זיא אויפגעהויבען פון דער ערד און צוגעטראגען צום בעט וואו ער האט זיא געוואלט אוועקלייגען.

פילאמעטא האט זיך געבעטען, נור קיין זאך האט איהר געהאלפען. אנטאניוס האט בכויח געלאכט.

פלוצלינג האט זיך פילאמעטא בערוהיגט און געזאגט:

„ווען עס איז אונמעגליך לויז צו ווערען, דאן לאזט מיך אב און מאכט מיר קיינע שמערצען. איך וועל מיך אונטערגעבען"....

אנטאניוס האט געשמייכעלט און בעמערקט:

„דאס הייסט פערנינפטיג!

ער האט זיא אבגעלאזען, זיא איז געבליעבען זיטצען אויף'ן בעטט, זיך צוזאמענגעלענט דיא האאר, אויסגעגלייכט איהר קלייד, און ער איז געשטאנען פון וויטען. דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען.

אין נעכסטען אויגענבליק איז זיא געווען נעבען טיש, און געכאפט א שטיק האלץ וואס האט זאנסט געדיענט דערמיט צו פערמאכען א לאדען.

אזוי שנעל וויא דער בליטץ, האט זיא מיט דעם שווערען שטיק האלץ פערזעטצט אנטאניוס'ן א קראך אין קאפ, און אהנע איין אויסגעשרייא, איז ער אומגעפאלען צו דער ערד וויא א קלאטץ.

אהנע פילאמעטא זאל צייט פערלירען, האט זיא באלד ארויסגעשלעפט דעם רינגעל, געעפענט דיא טהיר און איז ארויס אויף דער גאס.

זיא האט זיך א טאפ געטהאן אויב זיא האט דאס קווימעל־פון־פערצייהונג, און זיך איבערצייגענדיג, אז דאס פעהלט ניט, איז זיא געלאפען אהיים.

11.

אנטאניוס האט געקראגען א שווערע וואונד אין קאפ, אבער ניט קיין געפעהרליכע, ער איז געלעגען איבער א שטונדע אין אהנמאכט, און דאן האט ער ערוואכט אום זיך צו בעזוכען וואס עס איז געשעהען.

אלעס איז פאר איהם ערשינען דייטליך גענוג און ער האט זיך דערמאהנט אלע איינצעלהייטען ביז צום קלאפ, דאן דעם שמערץ, טומלען און אהנמאכט.

„און דאס אלעס האט זיא געטהאן, א פרוי? האט ער זיך געפרעגט פערוואונדערט. „און נאך וואס פאר א פרוי? אזעלכע וואס האט געקענט אוועקשייקען איהר ליעבע א צווייטען, אויסער איהר מאן און דערצו נאך קויפען א קווימעל פון דעם פאפסט און ווייטער זינדיגען?

אנטאניוס מיט זיין גאנצער לאנגער ערפאהרונג האט דאס בשום אופ'ן ניט געקענט בעגרייפען.

דאן איז איהם איינגעפאלען, אז עס איז מעגליך, דאס ער איז ניט שעהן גענוג אלס מאן, אום פילאמעטא'ס אויפמערקזאמקייט צו צוציהען.

אום זיך צו איבערצייגען, גלייך וויא ער וואלט זיך ניט געקענט וויא ער זעהט אויס, איז ער צוגעגאנגען צום שפיגעל אום זיך איינצוקוקען.

יא, אנטאניוס איז זאנסט געווען א שעהנער מאן, אבער דיעזעס מאל האט

ער זיך זעלבסט דערשראָקען פאַר זיין אויסזעהען. זיין געזיכט איז געוועזן בלאַס, פערענדערט און דערויף איז געלעגען איין אויסדרוק פון פערצווייפעלטער בעסטאַ־ליטעט. דערצו אויך האָבען אריבערגעהאנגען לאַנגע פאַסען פערטריקענטעס און נאָך נאַסעס בלוט פון זיין קאָפּ־וואונד.

דער הייליגער מאַן איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען וויא פריהער, און אויס אלטער געוואהנהייט, האָט ער אָנגערופען גאָט, זיינע מלאכים און אפילו דעם שטן, זייא זאָלען בעשטראָפען דיא פרוי וואס האָט איהם אזוי בעהאנדעלט.

אום ניט אזוי צו פערבלייבען אין דעם פערבלוטיגטען צושטאנד, האָט ער זיך אנגעפאנגען אפּצו־וואשען דעם בלוט, אויסרייניגען דיא וואונד, און דאס האָט זיין מאָמענטאלע אויפרעגונג עטוואס געשטילט. אין דער זעלבער צייט אבער, האָט זיין פריהערינע צוציהונג און נייגונג צו פילאמעטאַ'ן, זיך אנגעפאנגען צו פער־וואנדלען אין איין אנדער געפיהל — עס איז געוועזן דאס געפיהל פון האַס נאָך שטארקער וויא זיין פריהעריגע ליעבע.

ער האָט געקריצט מיט דיא צייהן און זיך געטראַכט, ווען ער זאָל זיא דאַ־מאָלס האָבען געבען זיך, וואלט ער זיא דערוואָרגען. ער האָט זאָגאר אויסגערעכענט גאַנץ גענוי וואס עס וואָלט שפּעטער געשעהען.

ניין, פאַטער אנטאָניוס וואָלט ניט געוועזן אזוי דום, וויא פאטער בענעדיק־טוס פון מעססינא, וועלבער האָט דערהרג'עט זיין געליעבטע און זיא אזוי שלעכט בעהאלטען, אז מען האָט איהר נאָכהער ענטדעקט. אנטאָניוס האָט שנעל אויסגע־ארבייט זיין פּלאַן וואס עס וואָלט געוועזן: יא, ער וואלט זיא לאַנגזאם ארונטער־געטראָגען אין קעלער זיא פארלויפיג געלאָזט ליעגען און פערשלאָסען.

אָבער ניין, דאס איז אויך ניט גוט. פיעללייכט וואלט מען זיא געקומען זוכען ניין, זאָפאָרט וואלט ער פאַר איהר דאָרט אויסגעגראָבען א קבר און זיא שוין בע־ערדיגט און ניעמאַנד, אויסער דער שטומער און פינסטערער קעלער וואלט גע־וואוסט פון דיעזען געהיימנים.

געוויס, פאַטער אנטאָניוס איז געוועזן א קלוגער מענש און ער וואלט ניט ענטדעקט געוואָרען, אבער וואו נעהמט מען זיא אום זיך נוקם צו זיין אן איהר פאַר דיעזער בעליידיגונג? ער האָט אָנגעפאנגען אבצוקלערען וויא אזוי ער קען זיא פערנארען צו זיך אונד זיא הרג'ענען.

דיא געדאנקען האָבען וויטהענד געוואנדערט, ביז ער האָט זיך זעלבסט אונ־טערבראָכען און געמורמעלט:

דומהייטען! איך האָב טאַקי קיין שכל ניט! זיא איז נישטאָ און צו מיר

וועט זיא שוין קיין מאָל ניט קומען. עס איז אלזא לעבערליך צו דענקען איבער דאָס אונמעגליכע.

נאטירליך האט פאטער אנטאניוס געוואוסט וויא זינדיג דאס איז, לויט דאָס קריסטענטהום, נאכצוטראגען יעמאנדען אזא שנאה; ער האט דאס זאָגאר ניט נור איינמאל געפרעדיגט אין זיין קירכע. אבער גאררישקייטען, דאס אלעס איז פאר אנדערע, פאר'ן נארישען פאלק, וועהרענד ער אליין, דער גלח, דער פאָרשטעהער פון דיעזער רעליגיאן איז ניט אין דעם חשבון.

אָבער וואס טויגען דיעזע אַלע חקירות און נארישע אידעען? דערמיט אליין וועט ער נאך זיין נקמה ניט דורכפיהרען, און לאזען פילאמעטאַ'ן אונבעשטראפט דאס האט זיין הייליגע ברוסט און רעליגיעזעס הארץ ניט געקענט ערלויבען.

„נוקם זיין מוז איך מיך!" האָט ער אויסגעשריען, „ווען דער שטן זעלבסט זאל זיך אויך שטעלען דאגעגען!"

דיא וואהרהייט איז, אז פאָטער אנטאָניוס האָט מעהר מורא געהאט פאר'ן שטן, וויא פאר גאָט מיט דיא מלאכים און אלע זיינע הייליגע.

אָט דיעזער שטן איז א געפעהרליכער יונג; בייא איהם, אין זיין שווארצער מלוכה, אין גיהנום, ליידעט מען פאָר אלעס. אבער זיין ענטשלוס, אפילו דעם שטן זעלבסט ענטקעגען צו שטעהען, האט בעדייטעט, אז ער וועט קעמפפען מיט איר־גענד יעמאנדען אבי זיין ציעל צו שטרייטען.

ארמער פאָטער אנטאניוס! זיין בעליידיגטע הייליגקייט האָט דאס ניט גע־קענט פערשווייגען.

12.

עס איז ניט געווען אזוי לייכט אויסקלערען א פלאן פון מלחמה געגען פילא־מעטא'ן, אָבער גאָט בעשערט דעם שיכור זיין משקה און דעם הייליגען מאן זיין גערעכטע נקמה.

מילא וואס עס אנבעלאנגט דער האָפנונג פילאָמעטאן וויעדער צו פערנארען צו זיך אהיים, האט ער איינגעזעהען, אז אויף אזא ארט וועט ער קיינמאָל צו קיין מאלק ניט קומען, ווייל פילאמעטא וועט ניט געהען. ער האט אלזאָ דיעזע אידעע פערשמיסען און זיך ארויס געשלאגען פון דעם קאָפּ.

טויזענדער אנדערע אידעען זיינען ערשיענען, אָבער קיין איינציגע איז געווען פראקטיש.

ענדליך איז געקומען דער ריכטיגער געדאנק: זעפּאָ, איהר מאַן, מוז פון אלע־מען ערפאהרען. דאס הייסט, ער מוז וויסען וואס זיין פרוי בעטרייבט מיט זיין שותף ספּינעלאָטשיאָ.

אָבער וויא אזוי מאכט מען דאס?

אמת, אנפאנגס איז עס איהם פאָרגעקומען פאר א שווירינקייט, נאָר גוט בעטראכטענדיג אלע איינצעלהייטען, האָט ער געפונען איין אויסוועג.

אלזאָ, זעפּא וועט דערפון וויסען. און וואס וועט ווייטער זיין! עס איז ריכ־טיג! זעפּפּאָ וועט האָבען דיא בעסטע געלעגענהייט אויס צו געפינען דעם אמת, וויל ער איז געוועזען זיכער, אז פילאָמעטאָ וועט ניט האלטען דעם פּאפּסט'ס צעטעל אומזיסט, און זיא וועט זיך געוויס פּראָפיטירען פון דער געלעגענהייט, אז איהרע מעשים זיינען ניט קיין זינד.

צו א מאַן דארף מען נור אונטערוואַרפען א פונק, אז זיין פרוי איז ניט עהר־ליך, דאן פלאקערט שוין אליין אויף דאס פייער פון אייפערזוכט, און בייא דעם ליכט פון דיעזען פייער, זוכט מען נאָך דיא אונטרייהייט פון דער פרוי און מען טרעפט זיא.

און וואס וועט ווייטער זיין? אה, דאָס האט פאטער אנטאניוס גוט בעגריפען א מהאט זאכע איז שוין גענוג, אז זעפּפּא איז איין איטאליענער. און זייענדיג איין איטאליענער, האָט ער הייסעס בלוט, טראָגט בייא זיך אימער א קינזשאל, און ווען ער וועט טרעפען זיין פרוי פערבונדען אין זינד מיט א פרעמדען מאַן, וועט ער ארויסציהען דעם קינזשאל און דורך בויערען איהר הארץ. עס איז מעגליך, אז ער וועט אויך ספּינעלאטשיאָ'ן טרעפען. אבער וואס קימערט עס איהם? זאל ער אויך פאלען! דער הייליגער גלח האָט גאָר ניט איינ־געזעהען קיין עולה, וואס צו זיין נקמה וועט פאלען נאָך א מענש.

א מצוה אויף איהם! האט ער זיך געטראַכט פול האָס און פעראַכטונג, וויסענדיג, אז איהם איז געלונגען אזוי לייכט צו קריגען פילאַטעטאָס ליעבע.

אך! וויא דאס וואָלט נאָך געפרייט פאָטער אנטאניוס ווען פילאָמעטא זאָל בלייבען לעבען אויף א קורצע צייט, און מען זאל איהם צו איהר רופען, ער זאָל איהר געבען דעם לעצטען רעליגיאָן טרייסט.

גוט, גוט! ער וועט שטעהען נעבען איהר בעט, און איהר איינרוימען אין אויער.

„זעהסטו, דאָס אלעס האָב איך געטהאָן, איך האב דאָס פעראורזאכט אלץ דערפאר וואס דוא האסט פעראכטעט מיינע ליעבעס־געפיהלע.“

פאטער אנטאָניוס האָט זיך פאָרגעשטעלט, וויא פילאמעטאָ מיט בלאסע

און ציטערענדע ליפען, וועט צו איהם קוקען פערצווייפעלט, און דאן וועט זיא שטארבען פאר זיינע אויגען מיט דעם בעוואוסט זיין, אז זיא האט ערהאלטען איהר עהרליך־פערדיענטע שטראף.

„סטייטש" האט ער זיך געטראכט, מיך אזוי ערניעדריגען און בעליידיגען? און ווער האט עס געטהאן? א פרוי! און וואס פאר א פרוי? אזעלכע וואס איז נאר ניט עהרליך"......

זיין הייליגע ברוסט האט זיך שוין געפרייט מיט דער קומענדיגער שטראף.

13.

אויב מענער בעגעהען ווייניגער עבירות וויא דיא פרויען, ווייס נאר איין גאט אין הימעל און דיא גלחים פאר וועלכע מען איז זיך מתודה. אין פראקטישען לעבען בעהויפטעט מען, אז דיא מענער זיינען זינדיגער וויא דיא פרויען. אבער א טהאט־זאכע בלייבט עס, אז די מענער געהען דאך ווייניגער און זעלטענער מתודה זיין זייערע זינד וויא דיא פרויען.

ווארום איז דאס? דיזע פראגע איז ניט לייכט צום בעענטפערן און דיא סברות זיינען פערשיעדען. אלס איינע פון דיא הויפט אורזאכען ווערט אנגעגעבען אז דיא מענער שרעקען זיך ווייניגער וויא דיא פרויען.

ווירקליך, עס קען נאך אנדערש ניט זיין, ווייל א מאן איז דאך א מענש וואס האט ווייניגער מורא פאר קלעפ וויא א פרוי; א מענער־קערפער איז ניט צארט וויא א פרויען־קערפער, און דיא שרעקען פאר שטראף, זיינען אלזא גרעסער ביי דיא צארטע פרויען.

אונטערדעסען פעהלען ניט קיין פרומע מענשען אויך אונטער דיא מענער און זעפפא. פילאמעטא'ס מאן האט אפגעהיט רעגעל מעסיג אללע מאנאט, צו געהען בעזוכען פאטער אנטאניוס און זיך פאר איהם מתודה זיין.

פאטער אנטאניוס האט אבגעווארט דיזע געלעגענהייט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, און ווען זעפפא איז ערשיענען, האט ער איהם פריינדליך גערייכט דיא האנד, און דאן מיט איהם אנגעפאנגען אין אונגעוועהנליכעס פריינדליכעס גע־שפרעך.

„און וויא געהען דיא געשעפטען?" האט אנטאניוס געפרעגט.

— זעהר גוט דאנקען גאט.

— און איהר זייט צופריעדען מיט אייער פערהייראטעט לעבען?

— זעהר צופריעדען.
— זייט איהר נאָך אימער אַ שותף מיט ספינעלאָטשיאָ'ן?
— יאָ.
— און איהר בעטרייבט אייערע געשעפטען אין איינעם?
— יאָ.
— איהר וואָהנט אויך ניט וויט איינער פון אנדערען?
— יאָ.

דאַן האָט פאָטער אנטאָניוס זיך אינטערעסירט צו וויסען צו וועמען ספי־נעלאָטשיאָ געהט זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד. זעפפאָ האָט ערקלערט, אז ער וויים נים.

„הם", האָט אנטאָניוס אויסגעמורמעלט, און אהנע אַ וויטערע בעמערקונג האָט ער אויף אַ וואונק געוויזען זעפפאָ'ן ער זאָל ניעדער קניען און דיא וידוי האָט אנגעפאנגען.

אנטאָניוס איז געוועזען צופיעל פערטיעפט אין גערדאַנקען אום צו הערען זעפ־פאָ'ס וידוי, און ווען ער וואָלט דאָס אפילו יאָ געהערט, וואָלט ער אויך קיין וויכ־טיגעם דאָרט געפונען, דען זעפפאָ איז געוועזען אַ רעכטשאַפענער יונגער מענש, און גראַדע וויא ער האָט אָפגעהיט זיינע געשעפטען, אזוי האָט ער אויך אָפגעהיט דיא געזעטצע און מנהגים פון זיין רעליגיאָן.

ווען אלעס איז געוועזען פאָריבער, האָט זעפפאָ געוואָלט נעהמען אבשיעד.

„איין אויגענבליק, מיין פריינד", האָט אנטאָניוס בעמערקט, „איך וויל מיט איך עפּעס ריידען".

אנטאָניוס'עס געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ גרויסען ערנסט, זעפפאָ האָט דאָס בעמערקט און איז געוואָרען פעראינטערעסירט.

שטיל־שווייגענד האָט איהם דער גייסטליכער אָנגעצייגט אַ פּלאַטץ וואו ער האָט זיך געזעטצט:

— פריינד זעפפאָ, האָט אנטאָניוס אָנגעפאַנגען, „ווייסט איהר דיא פּפליכט פון אַ קאַטאָלישען גייסטליכען?
— איך בין עפּעס בעקאַנט מיט זייא?
— איך מיין איבערהויפּט דיא פּפליכטען פון אַ קאַטאָלישען גייסטליכען, פאר וועלכען מען איז זיך מתודה?
— יאָ אזוי גלויב איך.
— ערקלעהרט מיר וואָס איהר ווייסט.

— איך גלויב האט זעפפא געענטפערט, „אז זיין ערשטע פפליכט איז אויס־צו הערען וואס מען זאגט איהם און פערצייהען דיא זינד פון דעם בעל תשובה״.

— ריכטיג. און דיא אנדערע הויפט פפליכט?

— צו האלטען אין געהיים וואס מען מהיילט איהם מיט.

— יא, מיין פריינד, האט דער גלח צוגעשטימט, דאס איז דעם גייסטליכענס הייליגע פפליכט צו גאט, אבער ווייסט איהר, אז גאט האט אונז אויך געהייסען האלטען אונזערע פפליכטען פון מענש צו מענש?

— אזוי גלויב איך.

— גאט האט אונז ערלויבט, אום דיא מענשליכע געזעלשאפט צו האלטען אין איהר מאראלישער ארדנונג, זאלען מיר אמאל אראבנעהען פון דיא פפליכטען צו גאט און טהאן אונזער פפליכט צו מענשען, איך זאג אייך דיזע ווערטער כדי איהר זאלט וויסען אז גאט ערלויבט אמאל דעם גייסטליכען ער זאל פערעפענטליכען א געהיימנים וואס מען האט איהם פערטרויעט, ווען דער גייסטליכער פערשטעהט, אז מיט דיזער טהאט וועט ער פערהינדערן שלעכטע מעשים.

זעפפא האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט און ניט אנגעהויבען צו בעגרייפען צו וועלכען צוועק דער גלח נעהמט זיך דיא מיה איהם צו געבען אזא ערקלערונג.

— איהר פערשטעהט מיר ניט, הא? האט אנטאניוס געמורמעלט מיט א בעדויערענדען שמייכעלע, „נאר איהר וועט באלד אלעס וויסען, נאר מוטה, מיין פריינד, און מיט גאט׳ס הילף, האף איך, אז אלעס וועט נאך זיין גוט“.

14.

זעפפא איז געווארען אונרוהיג און נייגיריגער.

— דיא זאך דערפון איז אזוי, האט אנטאניוס פארטגעזעטצט, „דאס איידער מיר געהען ווייטער, וועל איך פרעגען א פאאר פראגען“.

— פרעגט וואס איהר ווילט.

— לעבט איהר גוט מיט ספינעלאמשיא׳ן?

— יא, זעהר גוט, וויא מיט א ברודער.

— האט איהר א פערדאכט איבער איהם, אז ער האט אייך אמאל בעטראגען אין געשעפט?

— ניין, איך קען פאר איהם שווערען.

— קענט איהר אויך שווערען, אז ער האט אייך אין אנדערע זאכען, אויסער אין געשעפט, ניט בעטראגען?

— איך ווייס ניט וואס איהר מיינט.

— באלד קומען מיר דערצו, יעצט צו איין אנדערן פונקט: וויא לעבט איהר מיר אייער פרוי?

— זעהר גוט.

— ליעבט זיא אייך?

— איך צווייפעל ניט אין דעם

— איז ספינעלאטשא אפט בייא אייך אין הויז?

— יא.

— און איהר האט קיין פערדאכט איבער איהם?

— וואס פאר א פערדאכט?

— אז ער קען פערפיהרען אייער פרוי?

— איבער ספינעלאטשיאן זאל נאט אבהיטען! קען מען פערדעכטיגען איין אייגענעם ברודער? ניין, ניין, אייער היילינקייט, איך פערשטעה שוין וואס איהר מיינט, אבער איהר זעהט, איך בין גאנץ רוהיג, איך בין ניט אויפגערעגט. טאמער האט איהר עפעס געהערט געגען מיין איבערציינונג, דאך איז עס א פערלייםדונג. פילאמעטא איז ערשטענס א פרומע און מאראלישע פרוי, און דאן איז עס לעכערליך גאר צו דענקען איבער ספינעלאטשיא'ן אז ער האט אזעלכע געדאנקען.

אבוואהל זעפפא האט פערזיכערט דעם גייסטליכען, אז ער איז גאנץ רוהיג, האט דאך דער לעצטער בעמערקט איין איננערליכע אויפרעגונג שטייגענדיג אין דעם יונגען מאן.

ער האט געשמייכעלט מיט זיך זעלבסט.

— אזוי, האט אנטאניוס געזאגט, איהר זייט זיכער? דאס איז ליידער א ווייטערע בעשטעטיגונג צו שלמה המלך'ס ווערטער, אז מען דארף קיין פרוי ניט גלויבען. ווירקליך, אויף דיעזער ארט וואלט איהר זיך געקענט אויסלעבען אייערע יאהרען, אהנע צו וויסען, אז איהר שווימט אין זינד. אבער ניין, פריינד זעפפא, איהר זייט צו ריין, צו אנשולדיג און צו זויבער אום אייך צו לאזען זינקען אין שמוץ נאר געדולד מיין, פריינד, און איהר זאלט אלעס הערען וואס איך האב אייך מיטצוטהיילען.

אנטאניוס'עס אבזיכט איז געווען צו פעראינטערעסירען זעפפא'ן, און דאס איז איהם געלונגען. זעפפא איז געזעסען וויא אויף שפילקעס און געווארט אויף דעם רעזולטאט.

— יא, מיין פריינד, האט אנטאניוס געזאגט מיט א פרומער מינע, „צו מיין

טיפעס בעדויערען, מוז איך אייך דערצעהלען א טרויעריגע וואהרהייט. נאר איין זאך וועל איך אייך בעטען, איהר זאלט מיך ניט אונטערברעכען.

זעפפא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ דאס ער שטימט איין.

— דיא זאך דערפון איז אזוי, האט אנטאניוס פארטגעזעטצט, „איהר האט דאך וואהרשיינליך אויך געהערט, פון דער קירכע וואס בויעט זיך איצטער אין רוים, און פון דיא קוויטלעך וואס זיין הייליגקייט, דער פאפסט, האט ארויסגעגע־בען. דאס אונגליק איז נאר וואס מען פערשטעהט כמעט אימער זעהר שלעכט אונזער פאטער אין רוים. אמת, דיא קוויטלעך זיינען טאקי פיר פערצייהונג פון זינד אין דער צוקונפט, אבער דיא נאראנים ווייסען ניט, אז צווישען זינד און זינד איז א גרויסער אונטערשיעד ווען א מענש בעגעהט א זינד ווייל ער האט אנדערש ניט געקענט האנדלען, דאס הייסט, ער האט זיך דערזעהען געצוואונגען צו דיזער זינד, דאן איז עס א גרויסער חילוק צו דער זינד וואס ער בעגעהט מיט איין אבזיכט אום ספעציעל צו זינדיגען. דעם הייליגען פאטער'ס קוויטעל, לויטעט נור צו פערצייהען זינד וואס ווערען אונאיבערלעגט בעגאנגען, מיר גייסטליכע, וואס פערקויפען דיעזע קוויטלעך, זיינען אלזא זעהר פארזיכטיג ווען מיר פערקויפען זייא.

„ווען עס קומט צו אונז א מענש און פארדערט אזא קוויטעל, איז עס אונזער הייליגע פפליכט נאכצוזעהען וואס פאר א פערזאן דאס איז, און ווען מיר פער־שטעהען אז דיא פערזאן איז א רוהיגע און געלאסענע מיט א נייגונג צו פרומקייט און עהרליכקייט, מעגען מיר דאמאל פערקויפען אזא קוויטעל, אבער ווען דער פאל איז פערקעהרט, טארען מיר ניט.

„היינט שטעלט זיך פאר, אייער פרוי פיכאטעטא, וועלכע איך קען זייט יאהרען אלס א רוהיגע און געלאסענע פרוי, וועלכע האט זיך פאר מיר איממער מתודה געווען — ווען זיא האט פערלאנגט אזא קוויטעל“...

— זיא האט פערלאנגט אזא קוויטעל? האט זעפפא ארויסגעשריען ערשטוינט זיך ניט קענענדיג איינהאלטען.

— יא, מיין פריינד.

— און איהר האט עס איהר פערקויפט?

— יא, פריינד, אבער הערט אויס אלע איינצעלהייטען: איך האב ניט איינ־געזעהען קיין איינציגע שטערונג, ווארום איך זאל עס ניט פערקויפען צו אזא רעכטשאפענער פרוי. אבער גאט ווייס דעם אמת אז איך געהאט א טעות, בין איך ניט שולדיג.

זעפּפּא׳ס געזיכט איז רויט געוואָרען.

— צור צייט וואס איך האָב איהר פערקויפט דעם קוויטעל, האָט אנטאניוס פאַרטגעזעטצט, „האב איך חלילה וחס קיין אהנונג געהאט, אז איך טהו אונרעכט אָבער שפּעטער האב איך, צו מיין בעדויערן, ערפאהרען דעם געגענטהייל, און עס איז שוין געוועזן צו שפּעט. וויא אייך איז בעקאנט, קומט פילאמעטא רעגעל-מעסיג צו מיר זיך מתודה זיין. עס איז געוועזן נאָכדעם וויא איך האָב איהר דעם קוויטעל פערקויפט, און איך האָב איהר מיטגעטהיילט אז דאס האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט דיא זינד פון דער פערגאנגענהייט, זיא האָט גאָר נישט געזאָגט, נאָר מיט א פּאָר טעג שפּעטער, איז זיא צו מיר געקומען און זיך מתודה געוועזן.

זעפּפּא האט אויפגעמאכט זיין מויל, גלייך וויא ער וואָלט וועלען ארייגשלינגען דעם גלח׳ס ווערטער.

— זיך מתודה געווען האָט זעפּפּא געברומט.

— יא.

— און וואס איז געוועזן דיא וידוי ?

— אָט וועט איהר הערען: אָבער איהר זייט רוהיג און געלאסען. זיא האָט מיר דערצעהלט אז זיא פערקעהרט אין זינד מיט ספּינעלאָטשיאָן...

— מיט ספּינעלאָטשיאָן ?

— יא מיין פריינד, און ניט איינמאל, זאָנדערן פיעלע מאָל, זייט א לענגערע צייט.

זעפּפּא האט ניט געצווייפעלט אין אנטאניוסעס ווערטער, און דיא מיט-טהיילונג האט שיעור בערויבט זיין פערשטאנד. ער איז געבליעבען זיטצען וויא פערשטיינערט.

אנטאניוס איז געוועזן העכסט צופריעדען פון דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאכט.

„אבער פריינד״, האט דער גלח ווייטער געזאגט, מיין עצה איז, אז איהר מוזט יעטצט זיין זעהר פּאָרזיכטיג. לויט נאך מיין פערשטאנד, איז דער קוויטעל געקויפט געוואָרען מיט איין אבזיכט, דאס הייסט, אום ווייטער צו קענען זינדיגען, עס איז אבער מעגליך, אז פילאמעטא האט אויפגעגעבען איהרע שלעכטע וועגען. ווען דאָס איז דער פאל, דאַן האָט איהר גאָט מוחל געוועזן. ווען ניט מוז מען זעהען ראטעווען צוויי נשמות. עס איז אייער פליכט דאס אלעס פערזענליך צו אונטערזוכען, און ווען איהר וועט ענטדעקען דיא וואהרהייט פון מיין בעהויפּטונג, דאַן זאָל גאָט אליין צווישען אייך אורטהיילען״.

ווען זעפפא איז אויפגעשטאנגען פון זיין ביינקעל, איז ער געווען וויא א שיכור און ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם, ער האט אויך ניט גערענקט, וויא אזוי ער האט גענומען אבשיעד פון דעם גייסטליכען.

15.

זעפפא איז ניט געגאנגען גלייך אהיים: ער האט ארומגעוואנדערט איבער דער שטאדט א פאר שטונדען צייט, ביז זיין ברענענדעס געהירען האט זיך עטוואס אבגעקיהלט און ער האט אנגעפאנגען איבער צודענקען דעם גאנצען צושטאנד.

זיא, פילאמעטא, זאל קענען טהון אזא זאך?

דאס האט איהם געשווידערט.

ער, ספינעלאטשיא, זיין בעסטער יוגענד פריינד, זאל איהם אזוי שענדליך בעטריעגען. — דאס האט ער ניט געקענט פערגעסען.

ער האט זיך געמאכט טויזענדער פלענער וויא אזוי זיין ראכע דורכצופיהרען. אבער פלוצלינג איז איהם אריינגעפאלען א גאנץ אנדערער געדאנק.

„איך וויים, פ׳עלייכט איז דאס גאר ניט אמת? דער גלח האט דאס געזאגט? אה, די גלחים זיינען טייפלען, און זיי האבען שוין ניט נאר איין פאמיליע צושטערט. אבער וואס קען זיין דעם גלח׳ס אבזיכט צו טהאן אזא געמיינהייט? דאריבער לוינט זיך ניט צו דענקען; דיא אבזיכט פון דיא גלחים, איז ניט אזוי לייכט צו דערראטהען.“

דיעזע געדאנקען האבען זיך געדרענגט אין זיין קאפ, ווייל עס איז איהם אונמעגליך געווען זיך פארצושטעלען, אז זיין פרומע פילאמעטא, וועלכע צייגט איהם אימער אזוי פ׳על אויפריכטיגע ליעבע, זאל קענען בעגעהען אזא געמיינהייט, איבערהויפט איז איהם שווער געווען צו גלויבען אויף ספינעלאטשיא׳ן; אויף איין אנדערן האט ער עס לייכט געקענט גלויבען, אבער אויף זיין בעסטען פריינד אין דער וועלט, איז אונמעגליך געווען — אונמעגליך!

אבער דאך, צו לאזען דיא געשיכטע אזוי לייכט פאראיבערגעהן, איז ער ניט מעהר געווען אים׳שטאנדע.

איבריגענס, האט איהם דאך אנטאניוס אליין געראטהען ער זאל מאכען א פערזענליכע אונטערזוכונג.

אבער וויא מאכט מען דיא אונטערזוכונג? דיעזער פלאן איז געווען שווער צום אויסארבייטען, אויב זיי זינדיגען טאקי, דאן ווייסען זיי גאנץ גוט וויא צו בעהאלטען זיך מיט זייער זינדיגע ליעבע.

פאר אלעמען אבער, האט זעפפא איינגעזעהן, אז ער מוז שפּיעלען דיא ראָלע פון אזעלכען וואס וויים פון קיין זאך. ער איז אהיים געקומען רוהיג, דאס הייסט, זיין געזיכט האט קיין אונרוהע פערראטהען.

פילאמעטא האט איהם עמפּפאנגען מיט דעם געוועהנליכען ליעבעס-שמייבעלע אויף איהר שעהנעס געזיכט, איהם אומארמעט, געקושט און געגלעט.

דאן האט זעפפא גענוי שטודירט אלע איהרע בענעהמונגען צו איהם, און ער האט קיין זאך געקענט בעמערקען וואס זאל איהם אנצייגען, אז פילאמעטא ליעבט איהם נים מעהר.

מיט איינעם וואָרט, ער האט קיין ענדערונג ענטדעקט.

נאכדעם האט ער אנגעפאנגען צו שטודירען דיא בענעהמונגען צווישען ספּינעלאטשיא'ן מיט פילאמעטיא'ן. אנפאנגס האט ער קיין פערדעכטיגעס געזעהן, אבער זיך גוט איינקוקענדיג, האט ער בעמערקט, דאס ווען זייא האבען זיך בעגעגענט, האבען זיי זיך ביסלעכווייז געזידעלט און געציינט א זאַגענאנטע קאלטקייט איינער צו אנאנדער.

דאס האט זיין אויפמערקזאמקייט מעהר צוגעצויגען וויא צור צייט ווען ער וואלט געזעהן א ווארעמע פריינדשאפט צווישען זיי.

„זיי שפּיעלען קאָמעדיע אין מיין געגענוואַרט", האט ער זיך געטראַכט.

זעפּפּא'ס ענטשלוס, אויסצוגעפינען דיא וואהרהייט איז געפאסט געוואָרען מיט איין אייזערנעם ווילען.

ער האט פערשמיסען אלע אידעען איבער דער אורזאכע וואס האט געפיהרט אנטאָניוס'ן איהם אזא זאך צו דערצעהלען, און זיין איינציגער ציעל איז געווען זיך צו איבערצייגען וויא זיין שעהנע פרוי און זיין בעסטער פריינד, בעטריעגען איהם ווירקליך הינטער דיא פּלייצעס.

16.

דיא געשעפטען פון דיעזע צוויי יונגער-פריינד און שותפים זיינען מיט א מאקטמעסיגער רעגעל בעטריעבען געוואָרען. עס זיינען געווען געוויסע שטונדען און זאָגאר געוויסע טעג, וואס איינער איז פערבליעבען אין דער היים און דער אנדערער האט זיך אבגעגעבען מיט דעם מסחר, און ווען איינער האט זיך אויסגערוהט אדער זיך געגונג אונטערהאלטען, איז דער צווייטער געוואָרען טהעטיג.

דיעזע איינטהיילונג פון ארבייט, איז שוין איינגעפיהרט געוואָרען זייט יאהרען, און צור צייט וואס ספּינעלעטשיא איז געווען אין דער היים, איז זעפפא געווען

בעשעפטיגט, און איבּ אומגעקעהרט, דאס הייסט, צור צייט וואס זעפּפּא איז געווען אין דער היים, איז ספּינעלאַטשיאַ געווען בעשעפטיגט.

זעפּפּא האט אנגעפאנגען איבערצודענקען צו וועלכער צייט זיין פריינד בע־געגענט זיך מיט זיין פרוי פילאמעטא, און ער האט איינגעזעהען, אז דיא בעסטע צייט דאפיר, איז נאר דאמאלס ווען זעפּפּא איז פערטיעפט אין מסחר.

דיעזע אויסרעכנונג איז געווען א גאַנץ ריכטיגע.

זעפּפּא האט אנגעהויבען צו ענטווארפען פּלענער, וויא אזוי ער קען איבער־ראשען זיין פריינד מיט זיין פרוי אָהנע איינער פון זייא זאָל פריהער ניט ווערען אויפמערקזאם.

וויא מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט האָבעןביידע פריינד געוואָהנט בשכנות, און דערצו האָבען ביידע געהאט עהנליכע וואָהנונגען.

זעפּפּא׳ס הויז איז בעשטאַנען פון 4 צימערן אין דער לענג, און צום הויף צו איז געווען א קיך. דיא מיטעלסטע צוויא צימערן האָבען געדיענט צום שלאפען, אָבער נור איינס איז געברויכט געוואָרען צו דיעזען צוועק. דאס אנדערע האט ענט־האלטען קליידער.

צו דיעזען צימער מיט דיא קליידער, איז געווען א טהיר, וועלכע איז אָפט געשטאַנען צוגעשלאסען, כדי יעמאנד זאָל זיך ניט אריינכאַפּען און עפּעס ארויס גנב׳ענען.

ווען זעפּאָ האט דאס אלעס איבערגעדענקט, האט ער זיך באלד געשאַפען א פּלאַן. דער פּלאַן איז געווען פאָלגענדער: ער האט אויסגעבויערט א לאָך אין דיעזער טהיר און בעשלאָסען דורך דיעזער טהיר אויפצופּאַסען.

עס איז געווען מאָנטאג פריה, ווען זעפּא האט געהאט פאָלגענדעס גע־שפּרעך מיט ספּינעלאַטשיאַ׳ן.

— איך האָב היינט ערהאלטען צו וויסען, האט זעפּפּא געזאגט, „דורך דיא מעקלערס, אז עס איז דאָ צו קויפען א היבשע ביסעל וואָל בייא דיא גוט-בעזיטצער.

— דאס איז א גוטע נאכריכט, האט ספּינעלאַטשיא צוגעשטימט.

— מען דארף אלזא קיין צייט פערלירען און זעהען קויפען דיא סחורה.

— יא אהנע צווייפעל.

— דיעזע גוט-בעשיצער, וויסען נאך פיעללייכט ניט פון די שטייגענדע פּרייזען.

— אזוי רעכען איך.

— מען מוז אלזאָ אזוי שנעל וויא מעגליך זעהען דיא סחורה און זיא קויפען.

— זעהר ריכטיג.

— ווער דענקסטו זאָל ארויס פאהרען ? האט זעפפא געפרעגט.

— וואס הייסט ווער איך אדער דוא.

— איך רעכען, איך וועל פאהרען.

— זאל זיין וויא דוא זאָגסט.

דיא צוויי שותפים האבען נאך בעשפראָכען אנדערע נעטהיגע איינצעלהייטען און עס איז געבליעבען, אז אויף מאָרגען פריה, דאס הייסט, דיענסטאג זאל זעפפא אָברייזען.

ער האט זיך בעזארגט מיט דאס נייטיגע געלד, און פילאמעטא האָט וויא געוועהנליך, צוגעגרייט אַלעס וואָס עס בעלאַנגט אין וועג אריין פאר איהר מאן.

זיא איז אויך אין יענער נאַכט געווען זעהר צערטליך און ליעבענסווירד׳ג צו איהר מאן, און זעפפא איז פון איהר עטליכע מאל געקוסט געוואָרען איידער ער איז אוועק.

עס איז נאך געווען טונקעל, און זעפפא האט פערלאזט זיין הויז, און פילא־מעטא איז צוריק געגאַנגען זיך לייגען אין בעט.

ווען זעפפא האט פערשטאַנען, אז זיא שלאפט ווידער, האט ער זיך פאר־זיכטיג צוריק אריין גע׳גנב׳עט אין זיין הויז און זיך בעהאלטען אין צימער פון דיא קליידער.

ער האט איבערגעדענקט אלעס צווישען איהם און זיין פרוי און זיך גאָר ניט געקענט גלויבען, אז אנטאניוסעס בעהויפטונג איז וואהר.

אונטערדעסען האט ער געפיהלט אויב ער האט בייא זיך זיין קינזשאל, און זיך פאַרבעררייטעט צו טהאָן, וואָס עס איז א מאָן׳ס פליכט ווען ער געפינט אויס, אז זיין פרוי איז איהם אונטרייא געוואָרען.

17.

אלס ארום זעפפאָ׳ן איז געווען שטיל און רוהיג. ער האָט זאָגאר געהערט דאס רעגעלמעסיגע אטהעמען פון זיין שלאָפענדער פרוי אין צווייטען צימער, און ער האָט זיך אנגעהויבען צו עראינערען אין דיא פערגאַנגענע יאָהרען פון זיין לע־בען און פריינדשאפט מיט ספינעלאָטשיא׳ן.

ער האָט געמוזט מודה זיין, אז טראָטץ זיין כעס איבער איהם, איז ער נאָך אימער זיין פריינד, און עס האָט איהם וועה געטהאָן זיין הארץ זיך בערעכענענדיג וויא אזוי ער וועט מוזען אריינדריקען זיין שארפען קינזשאל אין זיין ברוסט.

ער האט אויפגעשוידערט.

און ווארום וועט ער עס מוזען טהאן דערפאר וואס ער האט פערפיהרט זיין פרוין זעפפא איז געווארען אונרוהיג. טאקי פערפיהרט, אבער ער האט בשום אופן ניט געקענט איינזעהען, אין וואס כפינעלאטשיא האט איהם בערויבט. זיין פרוי'ס ליעבע צו איהם, איז ניט געווען קלענער וויא פריהער; ספינעלאטשיא'ס פריינדשאפט, ניט שוואכער וויא אמאל. און דאך.... דאך מוז ער איהם אריינשטעכען זיין קינזשאל ווען דאס זאל זיך ארויס ווייזען, אז פילאמעטא שענקט איהם אוועק איהר ליעבע.

ווארום?

ווייל אזוי טהוט דיא גאנצע וועלט, אזוי האנדעלט יעדער.

זעפפא האט אויסגעזעהען זעהר אונצופריעדען מיט דיעזער מארד-פפליכט.

יא, דיא גאנצע וועלט טהוט אזוי אבער דיא פראגע איז: האט דיא וועלט רעכט דערמיט וואס זיא טהוט?

דיעזעלבע וועלט וואס טהוט עס גיבט זיך אויך רעכט, אבער דאס איז נאך קיין בעוויז, אז דאס געגעבענע רעכט איז ריכטיג און וואהר.

זעפפא'ס עראינערונג אן זיין אונשולדיגער קינדהייט וויא אזוי ער האט פערבראכט מיט ספינעלאטשיא'ן, דיא אפפער וואס איינער האט געבראכט פאר'ן צווייטען און דיא ריינע פריינדשאפט און ליעבע — זעפפא האט געשפירט דיא טרערען קומענדיג אין זיינע אויגען.

ווארום זאל ער הרג'ענען זיין פריינד! ווארום זאל ער בעגעהען א טהאט אויף וועלכער ער וועט אליין בערייהען זיין גאנצעס לעבען?

אמת, ספינעלאטשיא האט ניט בעדארפט אזוי האנדלען געגען איהם, אבער פאר וואס זאל ער איהם דערפאר הרג'ענען?

„לאמיר זיך פארשטעלען“, האט ער זיך געטראכט, אז איך זאל זיין אויף זיין פלאטץ, דאס הייסט, איך זאל געניעסען אויך עלענא'ס ליעבע, נו, וואלט דאס געווען א יושר ספינעלאטשיא זאל מיר דערפאר הרג'ענען?

דיא פריינדשאפט צו ספינעלאטשיא'ן איז געשטעלט געווארען אויף א וואגשאל מיט דער ליעבע צו פילאמעטא'ן. ער האט זיא ביידען געליעבט, און טאקי פאר דיעזער ליעבע אליין, האט ער ניט געקענט איינזעהען מיט וועלכען רעכט ער נעהט זייא פון זיך אבטהיילען דורך בלוט.

זעפפא'ס געדאנקען זיינען געווען אפילו שטירמיש, אונטערדעסען אבער זעהר קלאר און דייטליך. ער האט נעאורטהיילט גענוי און פינקטליך איבער יעדען איינ-

צינען פאל, און דער שלום איז אלץ געווען, אז ער קען ניט טהאן וויא דיא גאנצע וועלט טהוט און דאָס אנערקענטע רעכט צו הרג'ענען א פריינד דערפאר, איז בייא איהם ניט פאָרגעקומען פאר רעכט.

„איבערינענס", האָט ער זיך געטראכט, „וואָס דארף איך דאָ זיין אזוי אונ־רוהיג, פיעללייכט איז גאָר דיא גאנצע געשיכטע ליגנען און עס איז גאָר א פער לײמדונג פון א גאָט'ס גנב ?

זעפפא האָט געשפירט א מיעדקייט און ער איז איינגעשלאָפען.

ער האט געהאט שרעקליכע חלומות. איהם האָט זיך געדאכט אז ער האָט געפאקט זיין פריינד ספינעלאָטשיא'ן מיט פילאָמעטאַ'ן, צוזאמען אין בעט, דאן האָט ער ארויסגעצויגען זיין קינזשאל, און ער האָט דורכגעבויערט זיין פריינד'ס און זיין פרוי'ס ברוסטען.

ער האָט זייא געזעהעןביידע ליגען דערשטאָכען פאר זיינע אויגען און פי־לאָמעטא האָט געמורמעלט :

— ווארום, ווארום האסטו דאס געטהאָן ?

ספינעלאטשיא האָט געשטאמעלט שטאָרבענדיג :

— איך ליעב דיר דאָך, טראָטץ דעם וואָס דוא האָסט מיר גע'הרג'עט.

זעפפא האָט ערוואכט אין א פיעבערהאפטען צושטאנד.

18.

עס איז שוין געווען ארום 12 א זייגער, און זעפפא האָט געהערט זיין פרוי ארומגעהענדיג אין צווייטען צימער. ער האט זיך פאָרזיכטיג אויפגעהויבען, צוגע־גאנגען צום לאָך פון דער טהיר, און ארייגעקוקט.

פילאמעטאַ איז געווען אנגעצויגען איינפאך אָבער זויבער, און זעפפאָ'ן האָט זיך געדאכט, אז ער האָט זיא נאך קיינמאָל ניט געזעהען אזוי שעהן.

פילאמעטא איז געזעסען נעבען פענסטער בעשעפטיגט מיט א האנד־ארבייט.

זעפפאָ האָט אין זיין הארץ געפלוכט דעם גלח אנטאניוס ווארום ער האָט אזוי פערגיפטעט זיינע געדאנקען, און ער איז שוין אין איין צייט געווען ענטשלאסען אויפצוגעבען אלע זיינע פלענער אויסצוגעפינען דיא וואהרהייט.

וועהרענד דעם, האָט זיך געעפענט דיא דרויסען־טהיר און ספינעלאטשיאָ איז ארייגעקומען.

— גוט מאָרגען דיר, פילאמעטאַ ! האָט ער געזאָגט מונטער.

— גוט מארגען מיין פריינד.

— שוין לאנג זיית זעפפא איז אוועק געפאָהרען?

— זיית היינט פארטאָג.

— הערסטו, פילאמעטא, האָט ספינעלאָטשיאָ געזאגט זיך זעטצענדיג, „מיר דאכט אז אונזער פריינד זעפפא איז קראנק. איך האָב לעטצטענס בעמערקט, אז ער איז זעהר בלאס״.

— איך האָב דאָס אויך בעמערקט.

— ווארום האָסטו איהם ניט געפרעגט וואָס איהם פעהלט!

— דיר צו זאָגען דיא וואהרהייט, האט פילאמעטא געענטפערט, „שפיר איך מיר אזוי שולדיג נעגען איהם, אז איך וואג זאָגאר ניט איהם צו צערטלען.... אך, ספינעלאטשיא, מיר האנדלען ניט ריכטיג נעגען אונזער פריינד זעפפאָ.

דאָס איז וואהר, פילאמעטא, אָבער זיינען מיר שולדיג ווען מיר האָבען זיך ליעב? איך זאָג, אז גאָט האָט אזוי געוואָלט. איבעריגענס, האט דיא ליעבע צווישען אונז נאָר ניט קאליע געמאכט דער ליעבע צו אונזער פריינד.

פילאמעטא האָט געזיפצעט.

— וואָס האב איך געוואלט זאָגען? האָט ספינעלאָטשיא אנגעפאנגען, „יא, ריכטיג, דוא האסט דיר געקויפט א קוויטעל פון דעם פאפסט פיר דער פערצייהונג פון צוקינפטיגע זינד. זעהסטו, איך וואָלט אויך געוואלט קויפען אזא קוויטעל״.

— אָבער דוא זאָלסט עס ניט קויפען בייא דעם שופט אנטאניוס, האָט פילאמעטאָ אויסגעשריען.

— געוויס ניט.

— בייא גאָט! האָט פיכאמעטא געזאָגט וועהרענד איהרע אויגען האָבען גע־פינקעלט מיט פייער, איך וואָלט איהם וועלען זעהען טויט!

— ער האט עהרליך פערדיענט.

— דער שמוציגער בארבאר!

— אָבער דוא האסט איהם דערלאנגט. איך האב בעמערקט, אז ער טראָגט נאך יעטצט א פלאסטער אויף'ן קאפ. בראַווא, פילאמעטא, דוא האסט געהאנ־דעלט וויא א בראַווע פרוי!

— מיר טהוט נאר באנג, ווארום איך האב איהם ניט דער'הרג'עט. אלץ איינס.

זעפפא האט זיך עפּעס בעמערקט, אז ער האָט פערשטאנען טהייל'ווייז דיא אורזאכע, ווארום אנטאניוס האט איהם דערצייהלט זיין ווייב'ס וידוי.

— איך זאָג דיר דיא וואהרהייט. האט ספינעלאָטשיא פארטגעזעטצט, „ווען,

איך זאָל ניט אַכטען דיין מאַן׳ס און מיין פריינדס עהרע, וואָלט איך איהם אריינ־געשטאָכען מיין מעססער אין זיין פינסטערער ברוסט. נור אזוי, אונטער דיעזע אומ־שטענדען מוז זיין שטיל. דער שופט האט געמיינט, אז דוא ביזט א פרוי וואס לאָזט זיך אוועק געבען צו יעדען קומפּיגען מאַן, גוט וואָס ער האָט געהאָט א טעות.

ספינעלאַטשיא האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו פילאַמעטאַ׳ן און אָב־געפּרעסט א קוס אויף איהר שטערען.

זיא האָט גאָר ניט געזאָגט.

זעפּפא איז געשטאַנען ביים לאָך פון דער טהיר ווא א פערשטיינערטער. ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל טהאָן.

„עס איז אמת, עס איז אמת! האָט ער זיך געטראַכט, „אבער“... ער האט קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיגען זיינע געדאַנקען, און ספינעלאַטשיא, האט פּלוצ־לינג צוגעמאַכט דיא טהיר און עס איז פינסטער געוואָרען אין צווייטען צימער, ווייל פילאַמעטא האט נאָך פערמאַכט דאס פענסטער.

זעפּפא האָט מעהר גאָר ניט געזעהען, אָבער ער האָט זיך אלעס בעמערקט.

19.

עס זיינען פערהאַנדען דומע מענשען מיט נאָך דומע געזעטצע. זא צום ביי־שפּיעל, ועט איהר הערען ווי א ריכטער וועט אייך ווייזען אויף׳ן געזעטץ־בוך און זאָגען אזוי:

„זעהט איהר מיין הערר, דיעזעס געזעטץ בוך זאגט, אז עס גיעבט אין דער וועלט קיין אורזאַכע וואָס זאל יעמאַנדען בערעכטיגען צו שלאָגען זיין מיט־מענשען אויסער ווען עס האנדעלט זיך אום זעלבסט־פערטיידיגונג“.

אלזא, מען קען אייך שפּייען אין פּנים זידלען, בעליידיגען, פערלעטצען אייערע הייליגסטע געפיהלע, און איהר האָט קיין רעכט אייער געגנער אריינצו־ווארפען א פּאַטש דערפאַר. אזוי זאגט דאס געזעטץ, און דאס געזעטץ איז הייליג.

אלעס וואס מיר קענען זאגען איבער אזא געזעטץ איז דאָס ענטוועדער דיא פערפאַסער דערפון זיינען א באַנדע דומע קערלען, אדער עס האט זיך ביי זייא אויסגעלאָשען יעדער פונק פון מענשליכע עהרע און זעלבסט אכטונג.

מענערליכע געזעטצע, זיינען מענשליכע דומהייטען, און יעדער פערנינפטיגער מענש מעג שפּייען אויף זייא, אבער נאַטור געזעטצע זיינען וואהרהייטען און מען קען זייא ניט בעקעמפּפען.

זיך צו פערזעטצען אין זעפפאס לאגע צור צייט וואו ער האט געזעהען זיין פרוי מיט זיין פריינד געניעסען ליעבע צוזאמען, מוז מען טאקי זיין זעפפא אליין אום דאס אלעס צו בעגרייפען. זיין מענשען־עהרע, זיין בעליידיגטע פערזענליכקייט, האט איהם איינגערוימט:

„בעשטראף דיא שולדיגע!"

און וויפיעל אויף זיין פלאטץ וואלטען געווען בערעכטיגט מיט אזא טהאט! אבער עס איז דאך ווידער דיא זעלבע זאך: אז מענשליכע געזעטצע זיינען ניט אימער פאסענד און ניט אימער ריכטיג. זעפפא האט געשפירט שמערץ, אונגע־הייערען שמערץ, טראָטץ זיין ליעבע צו דיא צוויא פערזאנען וואס האבען איהם בעטראגען, אבער אין זיין פאל האט מען ניט געקענט צוגלייכען דיא געפיהלע פון קיין אנדערן מענשען.

דיא מענשליכע געזעטצע אלזא, האבען איהם דאָ ניט געטריעבען צו ווערען א מערדער, און איהם אויך ניט אפגעהאלטען פון מאָרד. דאס וואס עס האט איהם ניט געלאָזט ער זאל אבוואשען זיין קינזשאל אין דעם בלוט פון ספינעלאט־שיא'ן און פילאמעטא, איז געווען זיין רוהיגער טעמפעראמענט און דיא לאנג יאהר־יגע פריינדשאפט און ליעבע צו ביידען.

ער האט אויך איבערלעגט און נאכגעדענקט, אז עס וועט איהם גאנץ וועניג איינבררענגען ווען ער וועט אויסשרייען, זיך בייזערן, פראטעסטירען און מאכען א ליארעם. ער האט זיך אלזא אונטערגעגעבען צו זיין שיקזאל, פערביסען מיט די צייהן און געשוויגען.

ער איז צוריק געפאלען פערמאטערט אויף'ן בעט און אבגעווארט צו זעהען וואס ווייטער וועט זיין.

זיך ניט נוקם זיין, איז געווען אונמעגליך, אבער זיין נקמה האט ניט בע־דארפט זיין קיין בלוטיגע זאנדערן א גאנץ אנדערע, פערשיעדען פון דיעזע וואס מענשען האבען איינגעפיהרט.

נאך א היבשע ווילע, האט ער געהערט וויא דיא טהיר פון דרויסען האט זיך געעפענט און צוגעמאכט. ער האט פערשטאנען, אז ספינעלאטשיא איז אוועק דאס האט ער געוואלט; ביא דער פאלגענדער סצענע האט ער ספינעלאטשיא'ן ניט געוואלט האבען אין זיין געגענווארט.

ארייין קוקענדיג דורך דאס לאָך, האט ער געזעהען וויא פילאמעטא האט גע־עפענט דאס פענסטער וואס זיא האט פריהער פערמאכט.

אהנע ווייטער צו קלערען, האט ער ארויסגענומען זיין שליסעל און געעפענט

דיא טהיר. ווען פילאמעטא האט איהם ערבליקט האט זיא געהאלטען און צוזאמענ־געליינט איהרע האאר וואס ספינעלאטשיא האט צערוואָרפען.

פילאמעטא איז שטארק בלייך געוואָרען, נור זיא האט אונטערדעסען גע־פרעגט:

— וואס איז דאס?

— איך בין עס, איז געווען זעפפא'ס ענטפער.

— דוא ביסט ניט געפאָהרען?

— דוא זעהסט דאך!

— און וויא קומסטו דורך דיעזער טהיר?

— הער אויף מיר צו שטעלען פראגען, האט זעפפא געזאגט שטרענג. יעצט דארף איך דיר שטעלען פראגען: וואס טהוסטו, יעטצט?

— זעהסטו ניט?

— ענטפער מיר ניט מיט א צווייטער פראגע!

— וואס דען פערלאנגסטו?

— איך וויל וויסען וואס דוא האסט פריהער געטהאן?

— ווען פריהער?

— ווע ספינעלאטשא איז דאָ געווען. אבער דומהייטען, דאס אלעס איז נור א פערלוסט פון ווערטער און צייט. איך ווייס אלעס; איך האב געהערט דאס גאנצע געשפרעך וואס דוא האסט געפיהרט מיט ספינעלאטשיא'ן איבער אנטא־ניוסען און איבער מיר. איך ווייס אויך צו וועלכען צוועק ער האט פערמאכט דיא טהיר און דאן דאס פענסטער. זעהסט, דורך דיעזעם לאך, האב איך אלעס געזע־זעהען דיין לייקענען איז אומזיסט.

פיכאמעטא, מיט ציטערענדע הענד, האט זיך שנעל צוזאמענגעליינט דיא האאר, און דאן איז זיא געפאלען זעפפא'ן צו דיא פיס, און מיט א הערצרייסענדע שטימע, האט זיא איהם געבעטען אום פערצייהונג.

ער האט זיא געלאָזט שטעהען און אויך ניט אונטערבראָכען אין איהר גע־בעט. ווען זיא איז שטיל געבליעבען, האט ער געזאגט:

— ווייסט דוא וואס דוא האסט דיר פערדיענט?

— יא, איך ווייס.

— דוא האסט פערדיענט דעם טויט.

— יא.

— אבער, הער איך בין ענטשלאסען דיר צו שענקען דיין לעבען.

— איך דאנק דיר.

— דאנק מיר נאך ניט, און זער ווייטער.

— איך הער.

— דוא האָסט בעגאנגען א פערברעכען, נאר איך וועל דיר פערצייהען ווען דוא וועסט מיר פינקטליך אויסהערען און בעפאָלגען.

אויף א ווינק איז פילאמעטא אויפגעשטאנען פון דער ערד.

20.

זעפפא איז געזעסען איינינע אויגענבליקען פערטראכט, און דאן האָט ער אָנגעצייגט זיין פרוי אז זיא מעג זיך זעצען.

— קען איך דיר טרויען? האָט ער פלוצלינג געפרעגט.

— פרוביר מיך.

— איך האב דיר שוין איינמאל פרובירט, און ווען איך זאָל פון דיר ערווארטען נאך אזא רעזולטאט, וועט עס זיין זעהר טרויעריג.

— איך וועל אלעס טהאן וואָס דוא וועסט מיר הייסען.

— געדענק אלזאָ.

— יאָ.

— ווען איך וועל ערפאהרען אז דוא האסט געבראָכען דיין ווארט, דאן האט דיין לעבען גאָר ניט קיין ווערטה.

פילאמעטא האָט געציטערט.

— וואָס ציטערסטו אזוי? האָט ער געפרעגט.

— איך, איך......

— שטאָמעל ניט, רעד ארויס.

— ווילסטו איהם, ספינעלאטשיאן הרג'ענען?

— האב קיין מורא ניט ווען איך האב עס ביז יעטצט ניט געטהאָן, דאן איז זיין לעבען געזיכערט.

— איך דאנק דיר.

— זעהר שעהן, האָט ער בעמערקט שפּאָטיש. אבער פּאַס אויף יעדעס וואָרט: איך וועל מיך שוין פערענטפערען פאר ספינעלאָטשיאָ'ן, ווארום איך בין ניט געפאָהרען. דיך דארף דאָס גאָר ניט קימערען. דאס לעבען וועט פאָרמגעזעצט ווערען וויא פריהער. ניעמאנד דארף וויסען וואָס דאָ איז פארגעגאנגען. ניט מיט

קיין ווארט אדער מהאט, דארפסטו אנצייגען ספינעלאַטשיאַ׳ן, אז מיך זיינען בעד קאנט אייערע פערהעלטניסע.

— איך פערשטעהע!

— ווערסטו דאס אלעס אבטען?

— יאַ.

— דאַן הער ווייטער. איך וועל דיר שוין זאָגען אין א טאָג, ווען דוא זאלסט ערזוכען ספינעלאַטשיאַ׳ן, אז ער זאָל ווען מיר ערגעץ אוועקשיקען, כדי איהרביידע זאָלט זיך קענען צוזאמענקומען.... שאַ, שאַ, קיינע פראָטעסטען, דוא מוזט בעפאָלגען בלינד אהנע מיר צו שטעלען פראגען. אזוי וויל איך, און מיין ווארט וועל איך ניט צוריק נעהמען. איך וועל איהם גאָר ניט טהאָן און דיר וועל איך פערצייהען. ווערסטו פאָלגען?

— יאַ.

— גוט דוא ביסט א קלוגע פרוי, אלזאָ הער ווייטער.

— איך הער.

— אזוי וויא איהר וועט זיך געפינען דאַ, אין דיעזען צימער, וועל איך מיך לאָזען הערען פון דרויסען, אז איך קום. דוא זאָלסט דאַמאָלס צייגען גרויסע שרעק און ערקלערען, אז דוא האָסט שטארק מורא פאר מיר, און דוא רעכענסט, אז איך וועל אלעס שפּאָרען זאָלאנג איך וועל איהם טרעפען בייא דיר אין צימער. פערשטעהסטו וואָס איך מיין?

— יאַ.

— דאַן זאלסטו איהם זאָגען, אז ער מוז זיך בעהאלטען.

— יאַ.

— און ווייסטו וואו?

— איך ווייס ניט.

— אָט דאָ אין דיעזען קאַסטען.

זעפּפּאָ האָט אָנגעצייגט אויף א לאנגען און הויכען קאסטען וועלכער איז גע־שטאנען בייא דער וואנט און געדיענט אום צו האלטען קליידער און אויך אויף איהם צו שלאָפען.

— פערשטעהסטו מיך גוט? האָט ער ווייטער געפרעגט.

— יאַ.

— דאַן אזוי וויא ער וועט זיין אין קאַסטען, זאלסטו איהם שנעל פערמאַכען

איך וועל באלד דארויף ערשיינען. אין מיין וואונק זאלסטו שנעל פערלאָזען דאָס צימער און איהם לאָזען מיט מיר.

פילאמעטא איז אפילו געווען זעהר נייגעריג צו־וויסען וואָס עס קען ווערען דערפון, אָבער זעפּפאָ האט ניט געוואַרט ווארטען אום זיא זאָל איהם שטעלען פראגען.

— אַלעס פערשטאנען? האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— דאַן איז אונזער געשפּרעך געשלאָסען, מעהר קיין וואָרט און קיין פראגע.

21.

עלענאַ איז געווען אַ גליקליכע פרוי. קיין שאָטען פון אונצופריעדענהייט האט פערדונקעלט איהר לעבען, זייט זיא האָט חתונה געהאט מיט ספינעלאָטשיאָ'ן.

זיא האָט געליעבט איהר מאַן מיט דער אויפריכטיגקייט פון איין אונשולדיגעס פרויען הערץ און זיא האָט קיין אורזאכע געהאט צו זיין אַנדערש וויא זיא איז. איבערהויפּט האָט ספינעלאטשיאָ'ס ליעבע צו איהר קיין ענדערונג געהאָט זייט דער חתונה, און וואָס נאָך מעהר קען זיך אַ פרוי ווינשען צו איהר גליק!

וואָס עס אנבעלאנגט פילאמעטאָ'ן, איז זיא אויף איהר ניט געווען אייפערזיכטיג. ווארום זאָל זיא עס זיין? יעדע פון זייא האט געהאט א פרייע וואהל צו נעהמען וועמען זיא וויל פון דיא צווייא פריינדע, און נאָך דער חתונה האָט איינע דיא צווייטע ניט געשאדעט.

מע בעהויפּטעט, אַז פרויען אייפערזיכט איז איינס פון דיא פיינסטע געפיהלען, און א פרוי קען ווערען אויפערזיכטיג נאר פון אַ פּיפּס, אַ וואונק אדער אַ מאך מיט דער האנד; דאַן זוכט זיא ווייטער, ביז זיא געפינט אויס דיא גאנצע וואהרהייט. דאס מעג אמת זיין, אבער עס איז דאך א מהאט זאכע, אַז פרויען זיינען ניט אימער אויף דער ריכטיגער שפּור. א פרוי קען זיך אמאל אַנטשעפּען אן א זאך און דעריבער ווערען אייפערזיכטיג ביז צום מארדען, נאָר דער סוף זאָל זיך אויסלאָזען, אַז עס הייבט זיך גאָר ניט אָן דאס הייסט, אז דער גאנצער פערדאכט איז אַ פאלשער.

ווידער פּאסירט עס, וואָס דיא אייפערזיכטיגע פרוי זעהט גיט קיין זאכען וועלכע שטעהען איהר אונטער דער נאז.

דאָס זעלבע איז געווען מיט עלענאָ'ן. אין צווייטען הויז האָט געוואָהנט

פילאמעטא און אהין איז געגאנגנען איהר מאן אום צו געניעסען ליעבע, און טראסט דעם אלעמען, האט זיא פון קיין זאך געוואוסט און איז אויך ניט געווען פערדעכטיג.

אזעלכע פעלע פאסירען זעהר אפט און עס ענטשטעהט דאן א גרויסער צווייפעל אין דעם אייפערזיכט־אינסטינקט פון דער פרוי.

וויא דיא זאך איז, עלענא האט געלעבט אין א גליקליכער אומוויסענהייט און קיין בעגריף געהאט פון דעם וואס עס איז אפט בעגאנגנען מיט עטליכע איילען ווייטער. פון איהר.

אבער דיא צייט איז געקומען זיא זאל ערפאהרען, און קיין זאך האט דאס מעהר געקענט צוריקהאלטען.

דיא נעכסטע אויפגאבע פון זעפפא'ן איז געווען, אוועקצושיקען ספינעלאט־שיא'ן איינקויפען דיא וואל בייא דיא גוטס־בעזיטצער, בעהויפטענדיג, אז ער האט געמוזט צוריק קעהרען פון דעם וועג, וויל ער איז קראנק.

זעפפא האט געשפיעלט זיין ראלע אויסגעצייכענט, און ספינעלאטשיא, אהנע דעם מינדסטען פערדאכט, איז אוועק געפאהרען. זעפפא איז אויך זיכער געווען, אז פילאמעטא וועט האלטען איהר מויל און קיין ווארט דאכטען. ער איז אלזא גע־בליעבען אליין, אונגעשטערט צו דער דורכפיהרונג פון זיין פלאן.

פילאמעטא האט אפילו איינמאל פרובירט איהם צו פרעגען וואס ער דענקט צו טהאן, אבער אויסער איין אונצופריעדענעם בליק, האט זיא פון איהם קיין אנ־דערע מינע בעמערקט.

אויף'ן אנדערן טאג, נאך ספינעלאטשיא'ס אבריייזען, האט זעפפא געזאגט צו זיין פרוי:

— איך געה אריין בעזוכען עלענא'ן. פערשטעהסטו וואס איז, זאג?

— יא.

— איך דארף פון קיינעם ניט געשטערט ווערען.

— יא.

— דוא זאלסט בלייבען צו הויז.

— יא.

— ניט נאכקוקען, ניט נאכשפירען און ניט אריינשטעקען דיין נאז וואו מען דארף ניט.

— אזוי וועל איך טהאן.

— איך געפין עס פאר נעטהיג, האט זעפפא פארטגעזעטצט, „דיך אויפ־מערקזאם צו מאכען, אז איך האב א ראבע־פלאן, איך מיין, אז דוא ביזט נאר

ניט אזוי דום אום דאס ניט צו פֿערשטערען. אבער זאָג פערזיכער דיך, אז מיין ראבע וועט ניט זיין קיין בלוטיגע, כל־זמן דוא ווערסט מיר קיינע שטערונגען מאכען. דוא בעגרייפסט אלזאָ וואוהין מיין ווארנונג געהט ?

— יא.

— דיין נייגיערינקייט וועט איין אנדערס מאָל בעפריעדי ווערען. פֿארלויפיג בלייב אין הויז, זאָל קיין מענש דורך אירגענד א צייכען איב ' דיר אויפמערקזאם ווערען. איך דיינק צו פערבלייבען אין ספינעלאָטשיאַ'ס וואהנונג א פּאר שטונדען וואו איך וועל האָבען איין אונטעררעדונג מיט עלענאַ'ן. עס הייגט דורכאויס אב פון דיר, אום דאָס אלעס וואָס דוא האסט פערורזאכט, זאָל זיך ענדיגען רוהיג און פריעדליך, אָדער מיט א טראגעדיע.

פילאמעטא האט אויפגעשווידערט.

— איך וויל האָפען, אז דוא בעגרייפסט מיך.

— יא, יא, איך וועל טהאָן וואס דוא הייסט, האָט פילאמעטא קוים ארויס־געשמאמעלט.

— דאָס איז גוט; דוא צייגסט ווענינסטענס פערנונפט וואָס עס איז נעטהיג פאָרבערייטע מיטאג וויא געוועהנליך, און איך וועל צו דער ריכטיגער צייט קומע עססען.

פילאמעטא האט מעהר גאר ניט געזאָגט און אפילו ניט געוואגט נאָכצוקוק־קען איהר מאן.

22.

דיא שעהנע עלענא איז געווען בעשעפטיגט מיט איהר הויז־ארבייט, און זעפּפּא איז ערשיענען און אום געקלונגען, מיט א מונטערע שטימע :

— גוט מאָרגען !

— אַך, פריינד זעפּפּאָ ! האָט זיא אויסגעשריען איהם ערבליקענדיג. גוט מאָרגען טאקי א גאסט !

— ווירקליך א גאסט ?

— יא. זיכער. דוא ביזט שוין א היבשע צייט ניט געווען בייא אונז אין א בעזוך, איך האב געפרענט דיין פרוי אויב דוא ביסט ברוגז.

— און וואָס האָט זיא געענטפערט ?

— אַז דוא ביזט בעשעפטיגט.

— דאָס איז וואהר.

— זייא האָבען זיך ביידע אוועקגעזעצט ביים טיש, און עלענא האָט געבליקט נייגעריג אין זעפּפּאָ'ס אונרוהיגעס געזיכט.

— וואָס פעהלט דיר, פריינד זעפּפּא? געפרעגט.

— גאָר ניט.

— דוא ביזט זעהר בלייך.

— דאָס איז וואהרשיינליך פון שווער ארבייטען.

דאן האבען זייא געפּלוידערט איבער פערשיעדענס, און זעפּפּא האָט פּלוצלינג געפרעגט:

— הער אויס, עלענא, גערענקסטו דיא צייט איידער איך און ספּינעלאטשיאָ זיינען געוועזען פערהייראטעט?

— וואס איז דאָס פאר א פראגע געוויס געדענק איך.

זאָג מיר נאר דיא וואהרהייט: ביסטו גליקליך מיט ספּינעלאטשיא'ן!

— געוויס בין איך גליקליך! האט זיא געענטפערט לאבענדיג.

— ווייסטו אז דוא האסט געקענט זיין מיין פרוי אזוי גוט וויא ספּינע־לאטשיא'ס?

— נאטירליך וויים איך דאס.

— איך און מיין פריינד, האָבען געהייראטעט דורך א גורל.

— יא איך וויים דאס גאנץ גוט.

— וואס וואלסטו געטהאָן, ווען דער גורל וואלט געפאלען דוא זאלסט מיר הייראטהען?

— דאן וואלט איך מיט דיר געהייראטעט.

— און דוא וואלסט אויך געוועזען גליקליך?

— געוויס.

— פון וואנען ווייסטו דאס?

— וויל דוא ביזט א גוטער און עדעלער מאַן.

— ביזטו איבערצייגט.

— יא.

— וויא אזוי?

— וויל מיין פריינדין פילאמעטא איז אייך גליקליך מיט דיר.

— וויא אזוי ווייסטו אז זיא איז גליקליך מיט מיר?

— מיר פרויען ווייסען דאס גאנץ גוט.

— קענען פרויען ניט האבען קיין טעות?

— ניין אין דיעזע בעציהונגען, נים.

— גלויבסטו אז פילאמעמא ליעבט מיך?

— וואס איז דאס פאר א פראגע?

— איך מיין עס בלויז, אויב דוא גלויבסט אז זיא **ליעבט מיך.**

— איך צווייפעל נים אין דעם.

— גלויבסטו, אז עס איז מעגליך, דאס פילאמעטא זאל ליעבען אויך איין אנדערען מאן?

— ניין, דאס גלויב איך נים.

— אבער זיא דאך אמאל געליעבט ספינעלאטשיא'ן?

— דאס איז געוועז פאר דער חתונה.

— קען זיא איהם נים ליעבען אויך נאך דער חתונה?

עלענא האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט און נים געוואוסט וואס צו ענט־פערען.

— לאמיר נאר רעדען גאנץ פרייא און אפען, האט ער פארטגעזעטצט, דוא האסט אליין מודה געווען, אז דוא וואלסט מיט מיר אויך געקענט זיין גליקליך. איז דאס נים מעגליך, אז דוא זאלסט מיך יעצט אויך ליעבען?

— איך האב דאך א מאן!

— דאס ווייס איך, אבער איך פרעג בלויז איבער א מעגליכקייט; קען עס נים זיין דוא זאלסט מיר יעטצט ליעב האבען?

— איך ווייס נים ווירקליך. דוא שטעלסט מיר עפעס היינט אזעלכע קאמישע פראגען וואס איך בעגרייף נים. עס איז מיר נים מיין טבע.

— דאס איז וואהר, האט זעפפא בעמערקט, עס איז נים מיין טבע. אבער, גלויב מיר, עלענא איך האב אורזאכע, ווארום איך שטעל דיך אזעלכע פראגען. איך וועל דיר דערפאר בעטען, דוא זאלסט מיר אלעס בעענטפערען פרייא און אפען. דוא ביזט נייגיעריג, און איך פערזיכער דיר, אז דיין נייגיעריגקייט זאל בע־פריעדיגט ווערען. אלזא לויט נאך דיינע אייגענע בעהויפטונגען, קען עס מעגליך זיין, אז פילאמעטא זאל אויך יעטצט ליעב האבען ספינעלאטשיא'ן, אונגעאכטעט דארויף וואס ער איז דיין מאן.

— עלענא האט ארויסגעשטאמעלט איין אונווילענדיגען „יא".

אויף ריכטיג געענטפערט, האט זעפפא געמורמעלט. יעטצט ענטשטעהט א נייע פראגע: ווען דוא דיא פרוי פון ספינעלאטשיא'ן זאלסט ערפאהרען, אז ספי־נעלאטשיא און פילאמעטא ליעבען זיך יעצט, וואס וואלסטו געטהאן?

— זייא מעגען זיך ליעבען.

— פערשטעהסטו נאר גוט מיין פראגע?

— אזוי מיין איך.

— ניין, דוא פערשטעהסט מיך ניט.

— דאן דריק דיך אויס דייטליכער.

— איך מיין אייגענטליך, ווען דוא זאלסט ערפאהרען, אז פילאמעטא און דיין מאן ליעבען זיך יעטצט מיט אזא ליעבע, וועלכע האט איהר געקענט ערלויבט זיין ווען זייא זאלען זיין פערהייראטעט, וואס וואלסטו געטהאָן?

עלענא'ס שעהנעס געזיכט איז צום ערשטען מאל פערדונקעלט געווארען זייט דעם געשפרעך וואס זיא האט אנגעפאנגען. זיא האט ניט געקענט ענטפערן.

— ווילסטו מיר ניט זאגען דיין מיינונג? האט זעפפא וויטער געפרעגט.

— איך וויים ווירקליך ניט וואס איך זאל דיר ענטפערען.

— דוא דארפסט עס יא וויסען.

— עס קען ניט מעגליך זיין! האט עלענא אויסגעשריען.

— דאס איז א גאנץ אנדערע צושטאנד. דיא פראגע איז ווען דאס איז וואהר?

— איך גלויב עס ניט!

— אָבער ווען איך זאל דיר בריינגען בעוויזע?

— דאן איז עס גאנץ אנדערש.

— גוט, איך פרעג דיך, ווען דוא זאלסט זיין איבערצייגט, אז דיין מאן פערעהרט יעצט און זינדיגער ליעבע מיט פילאמעטא'ן, וואס וואלסטו געטהאָן?

עלענא איז געווארען אונרוהיגער.

— יא, יא, מיין פריינדין, האט זעפפא פארמגעזעצט, „עס איז א טהאט זאכע, און איך וועל דיר דאריעבער ליעפערען דיא בעסטע בעוויזע: איך קום צו דיר דערפאר דיך פרעגען, וואס דוא וואלסט געטהאָן?

— טהאָן? איך? איך בין דאך א שוואכעס פרויענצימער? האט עלענא ארויסגעמורמעלט.

23.

זעפפא איז געבליעבען זיטצען פערטראכט און שטודירט דעם שמערצהאפטען אויסדריק אויף עלענאס געזיכט.

— זעפפא! האט זיא פלוצלינג אויסגעשריען, „איז דאס איין ערנסט אדער טרויעריגעס שפאס.

— ליידער, איין ערנסט.

עלענא האט געשוויגען.

— איך בעגרייף גאנץ גוט דיינע ווערטער, האט זעפפא געזאגט, „דוא ביסט ניט מעהר וויא א פרויענצימער און דוא וואלסט ווירקליך ניט געוואוסט וואס צו טהאן. אבער איך עלענא בין א מאן! וואס האב איך געקענט טהאן ווען איך האב דאס אלעס ענטדעקט? בעגרייפסטו מיינע געפיהלע? איך א מאן, וואס ליעב ספינעלאטשיא'ן מעהר וויא א ברודער און ליעב פיקאמעטא'ן וויא א פרוי און שוועסטער, וואס האב איך געקענט טהאן?

עס איז געוועזען צום ערשטען מאל וואס זעפפאס אויגען זיינען נאס געווארען מיט טרעהרען, זייט דער צייט וואס אנטאניוס האט איהם מיטגעטהיילט איבער זיין פרוי'ס פאלשקייט.

— דוא ביסט אונגליקליך, מיין פריינד, האט עלענא בעמערקט מיטליידיג. אבער זעה, מעגסט מיר זאגען וואס דוא ווילסט, איך קען מיר ניט גלויבען. עס קען זיין א שמוטציגע פערליימדונג, א בעטרוג, א שווינדעל, אדער איין אינטריגע..

— ניין, ניין, עלענא, האט ער געזאגט זיא אונטערברעכענדיג, „עס איז ליידער צו וואהר, צו וואהר!

עלענא האט איהם געגלויבט, אבער זיא איז דאך ניט געוועזען צופריעדען. זיא האט אנגעפאנגען איהם צו בעווארפען מיט פראגען, וויא אזוי ווען און אויף וועלכער ארט ער וויים דאס אלעס.

זעפפא האט איהר דאן אלעס דערצעהלט, בלויז מיט איין אויסנאהמע, דאס הייסט, אז פיקאמעטא וויים נאך ניט פון זיין ענטדעקונג.

— אבער וואס איז דיא אורזאכע וואס אנטאניוס האט דיר דאס אלעס דערצעהלט? האט זיא געפרעגט.

— איך בעגרייף יעטצט דיא אורזאכע, האט ער געענטפערט. עס שיינט אז דער שופט האט געוואלט געניסען פון פיקאמעטאס ליעבע, און זיא אנשטאט צו ערפילען זיין וואונש, האט זיא איהם צושפאלטען דעם קאפ. אויס ראכע האט ער מיר דאס דערצעהלט.

עלענא האט זיך ניט געקענט צוריק האלטען און אויסגערופען:

— גוט האט זיא געטהאן!

— יעטצט הער מיך אויס, האט זעפפא געזאגט אביסעל בערוהיגט. וואס

וואלט געווען דיין מיינונג, ווען איך וואלט פארגעסטערן, בשעת איך האב אלעס געדענקט, געעפענט דיא טהיר, ארויסגעצויגען מיין קינזשאל, און דורכגעשטאכען זיינעביידע ברוסטען?

— שרעקליך! האט זיא אויסגעשריען ערציטערט.

— אבער דאס וואלט געווען גערעכט! יעדער אנדערער מאן אויף מיין שטעלע וואלט אזוי געהאנדעלט.

עלענא האט נאך אימער געציטערט.

— וואלט איך קיין רעכט ניט געהאט האט ער געפרעגט. „וואלט דאס ניט געווען א רעכטע בעלוינונג? זאג האב איך ניט רעכט?

— יא, אבער....

— איך וועל אליין פאר דיר ענטפערן. איך האב עס ניט געטהאן, ווייל טראָטץ דיעזען אונרעכט נעגען מיר און דיר, ליעב איך דאך אויך ספינעלאטשיא׳ן און פילאמעטאן. איך בין זיכער, דאס זייער טויט, דורך מיין האנד, וואלט מיר נאך אונגליקליכער געמאכט וויא איך בין.

— יא, יא, זעפפא, דוא האסט רעכט, און דוא האסט געהאנדעלט וויא איין עדעלער מענש.

— דאס איז ריכטיג, אבער דיא וואהרהייט איז, אז מיין בעליידיגטע עהרע איז אויך דערמיט ניט ריין געווארען. אין מיין הארץ ברענט א פייער פון ראכע, און איך וועל מוזען אונוויללענדיג, דיעזע ראכע פריהער אדער שפעטער דורכפיהרען.

— מיינסטו נאך אלץ זיך נוקם צו זיין?

— יא, וואס דען זאל איך טהאן? שווייגען? זאגאר דוא אלס פרוי, וואלסטו ניט געוואלט האבען נקמה?

— יא, יא, דאס איז וואהר, אבער וויא דוא האסט אליין געזאגט, וואלט דיך דיא בלוטיגע נקמה נאך מעהר אונגליקליך געמאכט וויא דוא ביסט.

— דאס איז וואהר אבער, וויא קען מען זיך אנדערש נוקם זיין?

— אנדערש איך וויים ניט.

— דאך, האסטו קיין ראטה?

— יא, יא, איך האב א ראטה; זייא אויסזידלען, בעליידיגען און......

— נאררישקייטען, דאס איז קיין נקמה.

— וואס דען קען מען טהאן?

— הער מיר אויס, עלענא; איך וויל דיר עפּעס פרעגען?

— פרעג וואס דוא ווילסט.

— ביסטו בערייט מיט מיר צוזאמען צו טיילען דיא נקמה?

— יא, ווען דיעזע איז גאר קיין בלוטיגע.

— קיין בלוטיגע, אבער איין אנדער נקמה, ביסטו בערייט מיט מיר צו טהיילען?

— יא.

— אירגענד איינע?

— יא.

— און דוא שווערסט מיר דאריף?

— איך שווער.

— דאן זאל אונזער בונד צוגעזיגעלט ווערען מיט א קוס.

נאך איידער עלענא האט צייט געהאט צו בעגרייפען זיין לעטצטעס ווארט האט ער זיא אומארמט און אבגעפרעסט א קוס אויף איהרע ליפען.

עלענא האט אביסעל געשטרעבט דאגעגען, און זעפפא האט זיא דערמאהנט.

— געדענק דיין שוואור!

— יא, איך געדענק, אבער....

— נאר געדולד, באלד וועסטו הערען.

ער האט זיך צוריק געזעטצט, און געזאגט:

— גאט האט געוואלט א צאהן, פאר א צאהן, איין אויג פאר איין אויג. מיר מוזען מעססען יעדען פערברעכען נאך זיין ווערטה און וויכטיגקייט און קיין מאל איבערטרייבען דיא מאס. אומשטענדען האבען מיך צוריק געהאלטען פון בלוט פערגיסונג. אומשטענדען בייא דיר אלס פרוי, האלטען דיך אויך צוריק פון אזא ישרים. עס קען ניט זיין קיין גרעסערעס פערברעכען וויא צו מארדען א מענשען. עס פרעהט מיר וואס איך האב עס ניט געטהאן, אבער א שטראפע קומט זייא ביידען, טראכט דעם וואס מיר האבען זייא ליעב. אונזער נקמה זאל זיין ליט דאס פערברעכען. פערשטעהסטו מיך?

אויב עלענא האט איהם פערשטאנען, האט זיא עס ניט געזאגט. זיא איז געווען שטארק פערווירדט.

— פערשטעהסטו מיינע ווערטער? האט ער נאך אמאל געפרעגט.

עלענא האט ערוואכט וויא פון א טרוים און האט ארויסגעשטאמעלט:

— יא, יא,

— דאס וועט ניט זיין קיין בלוטיגע נקמה, זאנדערן א בעלייטונג מיט דער זעלבער מטבע.

— אָבער זעפּפּא......

— איך בעגרייף דיינע געפיהלע. אבער האבען זייא דען געאכטעט אויף אונזערע געפיהלע?

— ווירקליך, איך, איך...

— נארישקייטען, עלענא דוא האסט מיך יעדענפאלס ניט פיינד, און עס האט געסעגט אנדערש זיין....

ער האט זיך אויפגעהויבען, צו איהר צונענאנגען, זיא אומארמט אבער זיא האט געשטערבט דאנענען.

— געדענק דיין שוואור האט ער געזאגט.

דיא געפיהלע פון נקמה האבען זיך אונטערדעסען, אין יענעם אויגענבליק פערוואנדעלט אין געפיהלע פון ליעבע, און עלענא'ס ליפּען האבען ערווידערט זעפּ־פּאס ברענענדען קוס.

24.

וואס מעהר א מענש איז בעגרענעצט, וואס מעהר זאבען א מענש איז פערבאָטען, אלץ מעהר אויסוועגען געפינט ער צו עררייכען זיין ציעל אין דעם קאמפף צו ערפילען דעם הערצענס-וואונש, איז מען געצוואונגען צו בענעהן ניט נור איין געמיינהייט.

דיא וועלט בעטראכט א ליגען פון שלום-בית ווענען, אלס א גאנץ מארא־לישע זאך, טראָטץ דעם וואס ליגען ווערט אין אלגעמיינעם פערדאמט. דיא וועלט בעטראכט אויך א וואהרייט וואס קען פיהרען צו אונרוהען, אלס אונמאראליש און שעדליך, טראָטץ דעם וואס וואהרהייט ווערט אנערקענט אלס גוט און עדעל.

אבער אזוי פיהרט זיך דיא וועלט, און אזוי מוזען מענשען האנדלען.

ספּינעלאטשיא און זעפּפּא, וואהרע יוגענד־פריינד און אויפריכטיגע גוטע ברידער, האָבען ביז נאך זייער חתונה קיין סודות געהאט צווישען זיך און קיינער פון זייא האט געהאט אירגענד איין אורזאכע צו בעטריגען דעם צווייטען.

פריהער, פאר דער חתונה, איז בייא זייא געווען גאנץ גלייכגילטיג וועלכע פון דיא צווייא מיידלעך, פּיאמעטא אדער עלענא, עס וועט בעלאנגען צו אירגענד איינעם. נאך דער חתונה ווייעדער, איז שוין געשטעלט געווארען א גרענעץ. ווען איינער פון זייא האט אריבער געשפּאנט דיזע פערבאָטענע גרענעץ, האָבען אנגע־פאנגען ליגענס, בעטרוג און שווינדעל.

זיי האבען געטהיילט אלעס אנדערע אין לעבען; זייער געלד, זייערע פראָ־דוקטען און זייערע פערגעניגענס, מיט דער אויסנאהמע פון זייערע ווייבער. מיט דיא ווייבער איז אויך דאס זעלבע געווען: אלעס האבען זיי געמעגט טהיילען צווישען זיך, מיט דער אויסנאהמע פון זייערע מענער. ווען דיעזע פערבאָטענע גרענעץ איז אריבערגעטרעטען געוואָרען, האט ניט נאר פאלשקייט איינגעטרעטען, זאנדערן אויך האס, קנאה און פערלײמדונג.

אביזר פאר דער וועלט, פאר דיעזען גרויסען ריעזען ריכטער, האט מען גע־מוזט ערשיינען ריין, אונשולדיג און שעהן, אונגעאכטעט דארויף וואס יעדער האט געטראָגען א היפען גיפט אין זיין ברוסט.

צור צייט וואס ספינעלאָטשיא האט צוריקגעקעהרט פון זיינע מסחרים האט איהם זעפפא זעהר שעהן עמפפאנגען און זיי האבען ביידע געשפּראָכען מיט א זעלטענעם פערגניגען איבער דעם ערפאָלג. זעפפא׳ס ברוסט איז געווען פולל מיט גיפט, אבער ער האט דאס ניט געטאָרט ארויס ווייזען.

— ווייסטו, זעפפא — האט ספינעלאטשיא געזאָגט — אז עס וועט יעצט נעטהיג זיין ארויסצופאָהרען אויפ׳ן לאנד אום צוזאמען צו קויפען דיא קיה, אָקסען און שעפסען־פעלען? וויא זאָגסטו, ווער זאָל פאָהרען?

— איך רעכען, אז דוא מעגסט פאָהרען.

— זעה, איך קום דאך ערשט פון א רייזע.

— דערפאר וועל איך שפעטער דיר איינשפּאָרען א רייזע.

ביידע זיינען ניט געפאָהרען. יעדער איינער פון זיי האט געוואָלט ארויס פטר׳ן זיין גענגנער, אום ער זאל האבען פאר זיך פריי זיין פרוי. אבער קיינער האט געוואלט אוועקראמען דעם וועג.

ספינעלאָטשיא, וועלכער האט נאך ניט געוואוסט איבער זיין שיקזאל און איבער זיין פריינד׳ס ענטדעקונג, האט גלאט געוואָלט בעטרייבען זיינע ליעבעס־פערהעלטניסע מיט פילאמעטא׳ן אונגעשטערט וויא פריהער, און זעפפא ווידער, וועלכע האט אנגעפאנגען צו ליעבען עלענא׳ן האט זיך געטראכט, אז ביז זיין ראכע אקט וועט קומען, זאָל ער פאָרלויפיג געניסען פון עלענא׳ס ליעבע אזוי פיעל וויא מעגליך.

עס איז אונטערדעסען געלונגען זעפפא׳ן, ער זאל בעוועגען ספינעלאטשיא׳ן אבצורייזען. איידער ער איז אוועקגעפאָהרען, האט איהם זעפפא אויך קיין גע־לעגענהייט געגעבען זיך ווידער צו בעגעגענען מיט פילאמעטא׳ן.

זעפפא האט גלאט ניט געוואָלט צולאָזען איין אונטערערדונג אונטער פיער־אויגען צווישען ספּינעלאַטשיאַ'ן און זיין פרוי, ווייל ער האט מורא געהאט, אז זיא וועט איהם פערראטהען.

און פילאמעטא? זיא האט געהאט שארפע פרויען־אויגען; זיא האט גאנץ גוט בעגריפען וואס דאס בעדייטעט, ווען איהר מאן, אין ספּינעלאַטשיא'ס אבוועזענהייט, איז פערבליעבען אזוי לאנג אליין מיט עלענא'ן. אבער זיא האט געשוויעגען.

מיט וועלכען רעכט האט זיא געקענט פּראָטעסטירען? האט זיא דען בעסער געהאנדעלט הינטער איהר מאן'ס רוקען?

25.

עס איז געוועזען מיט צוויי טעג שפּעטער, נאכדעם וויא ספּעניל‌אַטשיא האט אבגערייזט, און זעפפא איז פערביי געגאנגען נעבען פאטער אנטאָניוס' קירכע.

דער גלח איז דאמאָלס נאר וואס ארויס פון דער קירכע און בעגריסט זעפפא'ן.

— וויא געהט עס, מיין פריינד? — האט ער געפרעגט איהם רייבענדיג דיא האנד.

ווען זעפפא האט ערבליקט דעם גלח, איז זיין גאנצער קערפּער אנגעפילט געוואָרען מיט צארן. ער האט איהם מעהר געהאסט בלויז דערפאר וואס ער האט פּראָבירט צו רויבען זיין פרוי'ס ליעבע, וויא ספּינעלאַטשיא'ן, וועלכער האט עס טאקי געטהאָן. אונטערדעסען האט ער אויך זיין געזיכט ניט פערראטהען וואס עס געהט פאר אין זיין ברוסט, און אבגעענטפערט דעם גלח גראדע אזוי העפליך וויא ער האט איהם בעגריסט.

זעפפא איז געוועזען א מענש מיט א קאלטער איבערלייגונג און ער האט אימער גוט אויסגערעכענט דיא רעזולטאטען.

געהענדיג מיט דעם גלח, האט איהם דער לעצטער געפרעגט:

— האט איהר שוין עפּעס ענטדעקט?

— עהר פיעלעס.

— ווירקליך?

— יא.

— אלזא, זעהט איהר, איך האב נאר געזאגט דאס וואס עס מיר מיטגעטהיילט געוואָרען. איך וויל האָפען אז איהר האט אייער עהרע גערעטעט און אין

דערזעלבער צייט פערהינדערט צוויי זינדיגע נשמות זיי זאלען ניט פערפאלען ווערען אין גיהנם.

זעפפא האט געשוויעגען.

אנטאָניוס האט וויעדערהאָלט נאָך א פראגע, און ערווארטעט מיט דער גרעסטער נייגיערינקייט צו האבען איין ערקלערונג.

— דא אויף דער נאָס פאסט ניט, האט זעפפא גענטפערט.

— איהר האט רעכט מיין פריינד. קומט אלזא אריין אין מיין צימער ; דאָרט איז קיינער ניטאָ און איהר וועט קענען רעדען אונגעשטערט.

דעם גלח'ס וואָהנונג איז געווען נעבענבייא, און זעפפא האט איהם אהין בעגלייטעט. אנטאָניוס האט פון זיך ארונטערגעוואָרפען זיין שווארצען קאָפ־טען, זיך געמאכט בעקוועם, און זיך זעצענדיג האט ער געמורמעלט קוקענדיג אויף א זייט :

— אלזא, איך בין בערייט צו הערען.

— איהר זאָלט אלעס הערען — האט זעפפא גענטפערט רוהיג זיך אויפ־הויבענדיג.

ווען אנטאָניוס האט זיך אומגעקוקט, האט ער בעמערקט זעפפא'ן שטעהען איבער איהם מיט א בלאַנקען קינזשאל אין דער האנד.

— וואס איז דאס ? — האט ער געפרענט דערשראָקען ?

— הייליגער פאטער, האט זעפפא געזאָגט שפאָטיש — מאכט קיין פער־דעכטיגע בעוועגונג, זאנסט האט מיין קינזשאל א טבע צו פערבלאָנדזשען אהין וואו עס איז דא דאס וואַרימסטע בלוט.

— אבער ווארום ?

— נאר געדולד, האט זעפפא געמורמעלט — ענטפערט וואַהרהאפטיג אויף יעדען פון מיינע פראגען. איך וויים שוין דיא גאנצע וואַהרהייט. אייער בעהויפטונג אז פילאמעטא האט זיך פאר אייך מודה געווען אין פערקעהרען מיט ספינעלא־טשיא'ן איז וואהר, אדער וויא קומט עס וואס איהר האט דאס מיר דערצעהלט ?

— ווייל דאס איז מיין רעליגיעזע פליכט — האט אנטאניוס גענטפערט ציטערענדיג.

— ליגען, דוא גאָט'ס גנב ! האט זעפפא געדונערט — איז דאס וואַהר אז פילאמעטא האט דיר צושפּאָלטען דעם קאָפּ ?

אנטאָניוס [illegible]

— ענטפער ! — און ביי דיעזען ווארט איז זעפפא׳ס קינזשאל נעהענטער צו געקומען צום גלח׳ס ברוסט.

— יא, יא — האט ער געשטאמעלט.

— ווארום ?

— ווייל.... ווייל......

— ווייל דוא האסט זיא געוואלט פערגוואלטיגען — האט זעפפא אונטערגע־כאפט — זאג ! געשטעה דיא וואהרהייט !

— יא.

אין נעכסטען אויגענבליק, האט זעפפא אומגעווענדעט דיא שטיל פון זיין פון קינזשאל און פערזעצט דעם גלח עטליכע העפטיגע קלעפ אין קאפ.

— שטיל ! שטיל ! מאך ניט קיין רעש ! — האט זעפפא געוויטהעט זייענדיג זעהר אויפגערעגט. — דוא ביזט א שוטה, איך קען דיך גאנץ גוט. אבער הער מיך אויס, ווען דוא ווילסט דיר ראטעווען דיין לעבען, דאן זאלסטו אין דער צר קונפט האלטען דיין פיסק, ניט ריידען קיין ווארט, צו קיין מענשען. ווען דוא וועסט דאס ניט טהאן, דאן וועל איך דיר דורכבויערען דיין פערפלוכטעס הארץ מיט דיעזען קינזשאל. ווען דוא רעכטנסט אבער אז דוא וועסט מיר אויסמיידען, דאן זאלסטו וויסען, אז איך וועל געגען דיר ערהעבען א קלאגע ביי דעם פאפסט זעלבסט, דערצעהלען דיא גאנצע וואהרהייט און דוא וועסט סאי־וויא־סאי ליעגען אין דער ערד. יעדענפאלס וויל איך דיין מויל זאל בלייבען געשלאסען. וויא מיין פרוי איז, זאלסטו וויסען אז איך בין ענטשלאסען זיא צו פערטהיידיגען און דיך פערדאמען. נאר דיין שטילשווייגען קען דיך ראטעווען.

אהנע ווייטער צו רעדען א ווארט, ארער זיך אומקוקען, איז זעפפא ארויס און צוריק געלאזען אנטאניוס׳ן זיך פערבינדען דיא וואונדען און נאכקלערען איבער דעם וואס עס האט פאסירט.

26.

וויא זיך נוקם צו זיין יעצט אן ספינעלאטשיא׳ן, איז ער אוועק דירעקט צו עלענא׳ן און געגאסען פון דעם ליעבעס־בעכער אזוי פיעל נאר וויא מעגליך.

עלענא האט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט לייב און זעלע, און אויך זיא האט געשפירט, אז דערמיט איבט זיא אויס דיא גרעסטע נקמה געגען איהר פאל־שען מאן.

ווען זעפפא איז אריין אין עלענא'ס וואהנונג, האט דאס פילאמעטא בע־מערקט, און זיא איז געשטאנען ביים פענסטער די גאנצע צייט און אריבערגעקוקט. נאך איינינע שטונדען צייט איז זעפפא פון דארט ארויס און איז אריין וויעדער אין זיין וואהנונג.

ער האט געטראפען פיקאמעטא מיט פערוויינטע אויגען.

— דוא האסט געוויינט? האט זעפפא געפרעגט בארבאריש.

— יא, איך האב געוויינט, האט זיא געענטפערט.

— ווארום?

— ווייל איך בין אונגליקליך.

— דוא אונגליקליך? ווארום? דוא האסט דאך דיין געליעבטען גאנץ און אונבעריהרט? דוא אליין האסט קיין איינציגע שטראפע ערהאלטען. ווארום אלזא ביסטו אונגליקליך?

— אך זעפפא! האט זיא אויסגעשריען — בעסער וואלסטו מיך ערמארדעט אום איך זאל דאס אלעס ניט צו־זעהן.

— וואס מיינסטו?

— איך וויים אלעס; איך פערשטעה אז דוא פערקעהרסט יעצט מיט עלענא'ן....

— איך טהו נאר דאסזעלבע וואס ספינעלאטשיא האט געטהאן מיט מיין פרוי. איך זעה ניט איין מיט וואס ער האט מעהר רעכט צו מיין פרוי וויא איך צו זיינער?

— אבער וויא וועט זיך דאס ענדיגען? וואס וועט זיין דער סוף?

— דוא וועסט אלעס זעהען.

— פארגעס ניט, זעפפא — האט זיא געזאגט מיט א בעטענדער שטימע — דוא האסט מיר פערשפראכען מיט קיינע געוואלדהאטען צו געברויכען.

— דאס איז וואהר, אבער עס הייננט אב פון דיר וויא דוא וועסט דיך פיהרען.

— האב איך ביז יעצט איבערגעטרעטען דיין בעפעהל?

— ניין, אבער דאס איז פיעלייכט ווייל דוא האסט נאך קיין געלעגענהייט געהאט. ווארט, באלד וועסטו האבען א געלעגענהייט. געדיינקסטו נאך וואס איך האב דיר אנגעזאגט? ספינעלאטשיא וועט היינט אדער מארגען אהיים קומען. אויף מיין בעפעהל, מוזטו איהם בעטען, ער זאל מיך ערגעץ אוועקשיקען אויף א קורצע

צײַט, דאַמיט ער זאָל צו דיר קענען קומען. איך װעל איהם פאָלגען. אבער אנשטאט דעם װעל איך אונטערקומען, און דוא זאָלסט איהם הײסען אַרײַנקריכען אין קאַס־טען. דער קאַסטען זאָל באַלד צוגעמאַכט װערען, און װען איך װעל אַרײַנקומען, זאָלסטו פערלאָזען דאס צימער און זיך בעהאַלטען. דוא זאָלסט קײן צײכען נעבע אז איך בין דאָ, און װאס דוא װעסט זעהן פון מיר זאָלסטו שװײַגען. בעשטעהסטו דאַרויף?

— יא.

— װען דוא זאָלסט דיזען אױפטראַג ניט פּינקטליך דורכפיהרען, דאַן זאָלסטו װיסען, אז איך װעל דיר דאס זעלבע טהאָן װיא איך האָב פערשפּראָכען אנטאָניוס'ן.

— װעמען? אנטאָניוס'ן?

— יא, דעם גלח דײַנעם, פאַר װעלכען דוא האָסט זיך מתודה געװעזען דײַנע זינד. איך װײס אלעס, ער האָט מיר אַלסדינג דערצעהלט. דאס איז נאָך דײַן אײנ־ציגע מעלה װאס דוא האָסט דיך איהם ניט געװאָלט אונטערגעבען. האָב קײן מורא ניט, ער װעט ניט אױספּלױדערן.

זעפּפּא איז געװעזען זיכער, אז פילאָמעטאַ װעט דורכפיהרען זײַן אױפטראַג. זיא האָט אפילו ניט געװאוסט װאס איהר מאַן'ס אבזיכט איז, אבער זיא איז געװעזען איבערצײַגט, אז קײן בלוט װעט ניט פערגאָסען װערען, און זיא איז דערמיט געװעזען צופריעדען.

אבענד האָט ספּינעלאַטשיא צוריקגעקעהרט פון זײַן רײַזע און ער האָט פער־בראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט זעפּפּאַ'ן אין זײַן הױז.

בײדע פרױען זײַנען געװעזען צוזאַמען, אבער קײנע פון זײ האָט געבראָכען דיא הע־פליכקײטס עטיקעטע און האָבען ניט געצײַגט קײן עפענטליכע פײַנדשאַפט.

נאָכדעם װיא ספּינעלאַטשיא איז אהײם געגאַנגען האָט זעפּפּא געזאָגט צו פילאָמעטאַ'ן:

— מאָרגען פריה זאָלסטו זיך מיט איהם בעגעגענען, און איהם זאָגען, אז ער זאָל מיך ערגעץ אױפזוכען נאָכמיטאָג.

זיא האָט פערשפּראָכען.

27.

ראבע! וואס איז דאָס ראבע? דיזע איינענשאפט וואָהנט אין דעם מענשען טיעף איינגעווארצעלט! און זיא בעזעעלט דעם פאסטוך, דיא וואש-פרוי, דעם גייסטליכען, דעם פאָליטיקער און דעם קעניג. ראבע! דיין קראפט איז מעכטיג און טראָטץ דיין גרויזאמקייט, ביסטו אין פיעלע בעציהונגען א הייל זאמער באַלזאם אויף א פערוואונדעטע ברוסט.

אבער וואָס איז דיא ראבע זעלבסט? איז דאס דער נעגענזאטץ פון ליעבע? וועהרענד ראבע איז איין איינענשאפט פאַר זיך זעלבסט, זיא ענטשטעהט און ווערט געבוירען פון געשענדעטע געפיהלע, פערוואונדעטע בעגריפע און פעראכטעטע לייר־דענשאפט.

אבער דער טייפעל פון ראבע האָט ניט אימער איין קראפט. ער קען בעזיענט ווערען דורך א רוהיגען טעמפעראמענט, דורך א געלאסענעם גייסט און הייפטזעכ־ליך דורך ליעבע צו דער פערזאָן אין וועלכע מען וויל זיך נוקם זיין.

עס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט נאָכצוזעהען וואָס פאר א ראבע זעפפא, דער מאן מיט אלע דרייא אויסגערעכענטע איינענשאפטען, האָט געקענט אויס־איבען.

פילאמעטא האט געוואוסט, אז עס איז איהר פפליכט צו בעפאָלגען איהר מאן בלינד. וואס ווייטער וועט זיין, האָט זיא אפילו געוואָלט זעהר שטארק וויסען אָבער זיך שפירענדיג א שולדיגע, האָט זיא זיך גענומען געדולד אום אבצו־ווארטען וואָס עס וועט זיין.

„ערגער וויא ערגער קען שוין ניט זיין", האָט זיא זיך געטראכט.

גאנץ פריה האָט זעפפא נעזעהען אליין געבען זיין פרוי דיא געלעגענהייט צו ריידען מיט ספינעלאָטשיא'ן. זייא האָבען זיך בעגעגענט אין דרויסען, וועהרענד ספינעלאטשיא האָט געוואָלט געהן אין גאס.

פילאמעטא האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, נאר זיא האָט מיט אלע מענ־ליכקייטע פערבאָרגען איהרע שטירמישע געפיהלע. זיא איז געשטאנען נעבען דער טהיר און ספינעלאטשיאָ איז ערשיענען.

ער האָט זיא בעגריסט מיט א שמייכעל. זיא איז ארונטער געגאנגען צו איהם.

— איז זעפפא שוין אויפגעשטאנען? האָט ער געפרעגט.

— ער שלאָפט נאָך?

— יאָ.

— איך האָב שוין געזוכט טויזענדער געלעגענהייטען זיך מיט דיר צו בעגעגענען, און עס איז מיר אלץ ניט געלונגען.

זיא האָט געשוויגען.

— און וויא געהט עס דיר? האָט ער געפרעגט.

— איך דאַנק דיר.

— וויא אזוי קענען מיר זיך זעהן אליין.

— איך וויים ניט.

— וויל זעפּפּא גאָר ניט אָבטרעטען פון הויז?

— ער איז יעצט זעהר אָפט אין דעם היים.

— געהט ער היינט ניט אוועק?

— פיעללייכט יאָ.

— ווען?

— נאכמיטאָג.

— וועל איך דאמאָלס מעגען אריינקומען?

— איך האָב מורא פיעללייכט וועט ער אנקומען, "האָט פילאָמעטא געענטפערט.

— וואס איז אַלזאָ צו טהאָן?

— שיק איהם ערגעץ אוועק, און דאן, ווען דוא וועסט זיכער זיין, אז ער וועט ערגעץ פערוויילען, קענסטו קומען.

— זעהר גוט, האָט ספּינעלאַטשיאָ געזאָגט מיט א דאנקבארען שמייכעל. ער איז דאן אוועק.

ווען פילאָמעטא איז אריין געקומען צוריק, האָט זעפּפּא זיא אויסגעפרעגט איבער דעם געשפּרעך וואס זיא האָט געהאט מיט זיין שותף, זיא האָט איהם אלעס דערצעהלט.

ער האָט איהר דאן נאָך אמאָל מיטגעטהיילט אלע איינצעלהייטען וויא אזוי זיא זאָל איהם בעהאלטען אין קאסטען.

זעפּפּא איז געשטאנען און בעטראכט דעם קאסטען.

— ווייסטו, וואָס פילאָמעטא, האָט ער פּליצלונג געזאָגט, "מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג. עס איז מעגליך ער זאָל מוזען פערבלייבען אין קאסטען א היבשע צייט, און דאן קען ער דאָרט דערשטיקט ווערען".

— וואס איז אלזא צו טהאן? האט זיא געפרעגט בעזאָרגט.

— איך האב איין עצה. ברייננ מיר דעם ענגבויער. איך וועל מאכען א פּאָאר לעכער, כדי עס זאָל קענען אריין לופט. דאס וועט אויך דיענען צו איין אנדערען צוועק, דאס הייסט ער זאָל קענען דערהערען וואס דא געהט פאָר.

פילאמעטא האט איהם ניט אין גאנצען פערשטאנען, נאר זיא האט קיינע פראגען געשטעלט. איין זאך האט זיא געפרייט, וואס זעפּפּא אליין איז אויך בעזארגט אום זיין לעבען, און כל־זמן ער זוכט ניט איהם צו הרג׳ענען, האט זיא זיך ווייטער גאר ניט געקימערט.

זיא האט געבראכט דעם ענגבויער און אויפגעפּאסט וויא זעפּפּא האט אויסגעבויערט מעהרערע לעכער בייא דיא זייטען פון דעם קאסטען. דאן האָט ער געעפענט דיא דעק, און בעמערקט, אז עס געפינען זיך אינווענינ צו פיעלע אלטע קליידער, און מען מוז א היבשען טהייל ארויסנעהמען אום צו מאכען מעהר פּלאטץ פאר דעם שטארק געבויעטען ספּינעלאטשיא.

פילאמעטא האט אלעס געטהאָן וואס ער האט פערלאנגט, אהנע צו פרעגען אויף אורזאכען.

28.

באלד נאכמיטאג האבען זיך דיא צווייא שותפים בעגעגענט אין דער גאס. בעסער געזאגט, זעפּפּא אליין האט געזוכט צו געבען ספּינעלאטשיאָן א געלעגענהייט זיך מיט איהם צוזאמען צו טרעפען.

זייא האבען געשפּראכען א קורצע צייט איבער זייערע מסחרים, און דאן האט ספּינעלאטשיא געזאגט:

— די נערבערס וואס וואהנען ביים וואסער, האבען אויסגעארבייט א היבשע ביסעל לעדער. איך האב ערפאהרען, אז זייא ווילען דאס אוועקפיהרען נאך מארסייל. וויא זאגסטו, זעפּפּא, וואלט עס ניט געוועזען א גוטעס געשעפט בייא זייא אבצוקויפען דיא סחורה?

— איך רעכען אז יא.

— אלזא מען דארף ניט קיין צייט פערלירען.

— גוט, דאן וועלען מיר צוזאמען ארונטער שפּאצירען און זעהען די סחורה.

— איך בין זעהר מיעד פון דער רייזע. האט ספּינעלאטשיא בעמערקט, נאר ווען דוא ווילסט, געה אליין און מאך אב דאס געשעפט.

— אויך גוט, איך וועל אליין געהען.

— ווען ווילסטו געהען ?

— טאקי שוין.

— און ווען דענקסטו צוריק צו קומען ?

— איך רעכען, אז נאך זונען-אונטערגאנג וועל איך זיין צוריק.

— גוט, געה און מאך גוטע געשעפטען.

זעפפא איז אוועק, און ספינעלאטשיא, אום קיין צייט צו פערלירען, האט ער אבגעוואַרט ביז זיין פריינד איז פערשוואונדען געווארען. און איז גלייך געגאנגען אהיים.

ער האט פאר זיך געזעהען א היבשע לענערע צייט — א קליינינקייט, ביז נאך זונען-אונטערגאנג! ספינעלאטשיא האט שוין ווירקליך געביינקט נאך פילאמעטא'ס ליעבע, דען עס זיינען פאראיבער א פאאר וואכען וואס ער האט צו איהר גאר ניט געקענט צוריק קומען.

מיר מוזען דא בעמערקען, אז ספינעלאטשיא, טראָטץ דער ליעבע צו פילאמעטא'ן, האט ער אויך געליעבט זיין פרוי עלענא און ער האט זעהר פיעל געאכטעט איהרע געפיהלע. ער האט אזוא אימער אויפגעפאסט, אז ער זאל איהר פער דאכט ניט צו ציהען, און ווען ער איז געגאנגען צו פילאמעטא'ן, איז ער אריין דורך א הינטער-טהיר, דאמיט עלענא זאל איהם ניט זעהען.

דיא הינטער טהיר צו פילאמעטאס וואהנונג איז געווען אפען, און ספינעלאטשיא איז אריין אונגעשטערט. ער האט געטראפען פילאמעטא'ן זיצענדיג פערטראכט.

ווען זיא האט איהם ערבליקט, האט זיא א ביסעל אויפגעציטערט.

— וואס איז מיט דיר, מיין ליעבע ? האט ער געפרעגט, ווארום זיטצט דוא אזוי בעזארגט.

— גאר ניט.

— זעפפא'ן האב איך אוועק געשיקט און ער וועט זיכער ניט צוריק קעהרען ביז נאך זוננען-אונטערגאנג.

— ביסטו זיכער?

— יא, געוויס, וואס איז דאס פאר א פראגע ?

— גאר ניט, גאר ניט. האט זיא געענטפערט זיך ווידער בעהערשענדיג, אום צו זיין רוהיג.

ער האט צוגעמאכט דיא טהיר, פעררינגעלט, און זיא האט גאר ניט געזאגט. דאן איז ער צו איהר צוגעגאנגען, זיך געזעטצט און אנגעפאנגען א געשפרעך.

פילאמעטא האט אויסגעזעהען בעטריעבט און האט בייגאהע נאר ניט געהערט וואס ער רעדט צו איהר. דאס האט איהם זעהר געוואונדערט, און ער האט זיך בעמיהט זיא אויסצופרעגען וואס עס האט פאסירט. אבער ער האט פון איהר גאר ניט געקענט ארויס קריגען. דאן האט ער זיא געקוסט, און טראכט דעם וואס זיא האט זיך געלאזען, האט זיא אבער ניט וויא געוועהנליך, ערוויעדערט זיין צערטליכ־קייט.

— ביסטו קראנק, פילאמעטא? האט ער געפרעגט.

— ניין.

— וואס דען פעלט דיר?

— גאר ניט.

— אבער דאך?

פילאמעטא האט זיך צו איהם צוגעבויגען, און ציטערענדיג אין יעדען גליעד האט זיא עפעס געמורמעלט, פון וועלכען ער האט בלויז פערשטאנען „מיין מאן“.

— וואס מיינסטו דערמיט, פילאמעטא? האט ער געפרעגט דערשראקען. וואס איז מיט דיין מאן? האט ער עפעס א פערדאכט? רעד, געליעבטע מיינע, מעגסט זיך אויף מיר פערטרויען....

זיין צערטליכקייט האט זיא געריהרט, ווען זיא איז שוין באלד געוועזען אין בע־גריף איהם אלעס צו פערטרויען, ווען שריט האבען זיך געהערט אין דרויסען און יעמאנד האט העפטיג בעריהרט דיא קלאמקע.

— מאך אויף, פילאמעטא! האט זיך געהערט זעפפא'ס שטימע פון דרויסען „וואס איז דארט מיט דיר? האסטו זיך געלעגט שלאפען? איך האב פערגעסען מיין געלד — מאך אויף!

אבוואהל פילאמעטא איז געוועזען אויף אלעמען פארבערייטעט, איז זיא אונטער־רעסען אויך אזוי בלאס געווארען וויא ספינעלאטשיא.

— וואס איז צו טהאן? האט ספינעלאטשיא געפרעגט שטארק דערשראקען, בעמערקענדיג אז ער האט קיין איינציגען אויסוועג צו ענטלויפען. דיא טהיר צום קליידער צימער איז געוועזען פערשלאסען און דיא איינציגע טהיר ארויס צו געהען, איז געוועזען בעוואכט פון זעפפא'ן.

זיא האט ניט געקענט רעדען, נור מיט א פינגער אויף שטום־לשון, האט זיא געצייגט אויפ'ן קאסטען. ער האט פערשטאנען. שנעל אויפעפענדיג דיא דעק, איז ער אריין און זיך פערמאכט איגוועניג.

דאן האט ער געהערט פאלגענדעס:

— מאך שוין אויף! וואס טהוסטו דארט? האט געקלונגען זעפפאס שטימע פון דרויסען.

— אט געה איך עפענען! האט פילאמעטא געענטפערט, און אין נעכסטען אויגענבליק, האט זיא געעפענט דיא טהיר.

— וואס איז דאס פאר א שלאפען אין מיטען העלען טאג? האט זעפפא געפרעגט. „האסטו געהערט א געשיכטע, איך בין געגאנגען קויפען לעדער און פער־געסען דאס געלד אין דער היים. אבער עס איז שוין צו שפעט; איך וועל מארגען געהען. איך וועל פערבלייבען היינט אין דעם היים.

ווייטער האט ער נאר ניט געהערט, נור דער ארמער ספינעלאטשיא האט ניט גוט געפיהלט. ער האט געמיינט, אז זעפפא וועט זיך נעהמען זיין געלד, אוועק־געהען, און דאן וועט ער זיך בעפרייען. אבער אז ער זאל גאר פערבלייבען אין דער היים, האט ער זיך ניט געריכט.

אונטערדעסען האט ער זיך געטרייסט מיט דער האפנונג, דאס דיא קלוגע פילאמעטא וועט שוין געפינען איין אויסוועג וויא איהם פון דער אונאנגענעהמער לאגע צו בעפרייען.

די שטילקייט באלד נאך דעם, האט איהם ערשטוינט. עס האט אויסגעזעהן אז קיינער איז שוין נישטא אין צימער, אבער דאך האט ער ניט געוואגט אונטער־צוהויבען דיא דעק און ארויס קוקען.

29.

מיר מוזען צוריק קעהרען צו זעפפא'ן און זעהען וואס ער האט געטהא'ן באלד נאכדעם וויא ער האט גענומען, אבשיעד פון זיין שותף.

זעפפא האט זיך געמאכט, אז ער געהט ארונטער צום וואסער, אבער אזוי וויא ער איז נאר אריין אין דער ערשטער זייטען גאס, האט ער זיך באלד אומגעווענדעט און איז אוועק אהיים.

אויך ער האט אויפגעפאסט, גלייך מיט ספינעלאטשיא'ן מען זאל איהם ניט זעהען. און צור צייט וואס ספינעלאטשיא איז אריין צו פילאמעטא'ן מיט א הינטער־טהיר, איז ער אריינגעקומען צו עלענא'ן אויף דער זעלבער ארט.

— וויא געהט עס, עלענא האט ער געפרעגט.

— איך דאנקע. וואו האסטו געלאזען ספּינעלאטשיא׳ן?

— אין גאס.

— וועט ער ניט אהיים קומען אזוי גיך?

— ניין.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען און זיא אומארמט.

— ניין, ניין, זעפּפּא, האט זיא געזאגט זיך שטרעבענדיג דאנעגען. ספּינע־לאטשיא קען אנקומען.

— און וואס מאכט עס אויס?

— וואס רעדסטו! איך וואלט ניט וועלען פאר דער גאנצער וועלט ער זאל וויסען פון אונזערע פערהעלטניסע.

— ווארום ניט? וויסען מיר דען ניט ביידע פון זיינע פערהעלטניסע מיט פילאמעטאן?

— דאס יא, אבער עס איז בעסער ער זאל ניט וויסען.

— דומהייטען!

— ניין, ניין, איך בעט דיך׳ לאמיך צורוה. ער קען אנקומען אין יעדען אוי־גענבליק.

— וויסטו וואס? האט זעפּפּא געזאגט וויא זיך פּלוצלינג בעדענקענדיג. „קום, לאמיר אריין געהען צו מיר אין הויז.

— וואס רעדסטו? און פילאמעמא?

— זיא איז ניטא.

— וואו איז זיא?

— געגאנגען צום גלח זיך מתודה זיין.

— געה שוין געה, איך האב זיא ערשט ניט לאנג געזעהען.

— דאס איז מעגליך. אבער איך קום יעצט פון דעם הויז, און איך האב זיא געלאזען זיך אנקליידען.

עלענא האט געשוויגען.

— ווילסטו, אריין געהען? האט געפרעגט.

— ניין איך קען ניט.

— ווארום?

— ווייל ספּינעלאטשיא קען אין יעדען אויגענבליק אנקומען און מיך זוכען! עס שיינט, אז זעפּפּא איז ניט געווען פארבעריייטעט אויף ווידערשטאנד,

דען ער האט אויסגעזעהען פערצווייפעלט. אבער וויא ער האט נאכגעדענקט א קורצע צייט האט ער געזאגט:

— ווייסטו וואס, עלענא, איך האב פאר דיר א גרויסע איבערראשונג.

— איין איבערראשונג?

— יא.

— און וואס איז דאס?

— א פרעזענט וואס דוא זאלסט מיך געדענקען אויף דיין גאנצעס לעבען.

— וואס איז דאס פאר א פרעזענט? — האט זיא געפרעגט מיט פרויען־נייגיעריגקייט.

— איך האב פאר דיר א בריליאנט, פון איין אונגעהייערען ווערטה. דער בריליאנט איז געקויפט געוואָרען פאר פילאמעטא'ן, אבער איך האב איהר אפילו קיין צייט ניט געהאט דאריבער מיטצוטהיילען, ווייל גראדע דאמאלס האב איך ערפאהרען פון איהר פאלשקייט צו מיר.

— און וואו איז דער בריליאנט?

— ביי מיר אין הויז.

— און דוא ווילסט מיר געבען דעם בריליאנט?

— יא, געוויס, וואס דען, איך וועל דיך אבנארען?

זיא האט געשוויגען.

— אלזאָ וואָס זאָגסטו? האט ער ווייטער געפרעגט — ווילסטו מיטגעהען צו מיר אין הויז? ביי מיין וואָרט, האסט ניט וואס מורא צו האבען.

עלענא האט נאכגעדענקט און געזאָגט:

— גוט, איך געה. אבער זעה דוא פריהער נאך, אויב פילאמעטא איז אוועק געגאנגען.

— געוויס וועל איך טהון, ווארט דאָ און איך געה זעהן. איך וועל דיך שוין אריבער־רופען אויף א וואונק.

ער איז אוועק.

30.

יעצט פאנג אָן דיא הויפט־האנדלונג. זעפפא איז ארויס, צוגעגאנגען צו זיין הינטער טהיר און דיעזע געפונען פערשלאָסען וויא ער האט ערווארטעט.

ער האט ניט שטארק געדרונגען פילאמעטא זאל איהם באלד עפענען, ער

האט איהר געגעבען געגוג צייט, זיא זאל בעהאלטען ספינעלאָטשיא'ן אין קאסטען. ווען ער איז אריינגעקומען האט ער זיך געפרעגט אויף א וואונק אויב ער איז אינוועניג.

זיא האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, יא.

דאן האט ער איהר איינגערוימט אין אויער:

— יעצט געה ארויס און בעהאלט זיך. געדענק, אז דוא דארפסט הערען, זעהן און שווייגען.

שטילשווייגענד איז זיא אריין אין צווייטען צימער, וואס זיא האט געטפענט מיט א שליסעל פון איהר קעשענע.

אויף דיא שפּיץ פינגער איז דאן זעפּפּא ארויס און מיטגערופען עלענא'ן. עס האט געדויערט א היבשע צייט, ביז עלענא האט פערשלאָסען דיא טהיר.

וועהרענד דיעזער צייט איז ספינעלאָטשיא אליין געווען אין צימער, און ער האט געקענט פון דאָרט ארויס, נור וויא מיר האבען פריהער געזאגט, האט ער ניט געוואגט.

זיין וואונדער וואס איז אזוי שטיל, איז באלד אונטערבראָכען געוואָרען, ווען ער האט געהערט זעפּפּא'ס שטימע:

— נו, קום שוין אריין קיינער איז נישטאָ.

— ער האט אויך געהערט זעפּפּא'ס שווערע טריט זיך דערנעהענטערן צום קאסטען, און ער האט געציטערט. דאן האט ער בעגריפען, אז זעפּפּא האט זיך געזעצט אויפ'ן קאסטען.

ארעמער ספינעלאָטשיא, ער האט זיך שוין אונטערגעגעבען צו זיין שיקזאל, און בעשלאָסען צו ווארטען.

ער האט ערווארטעט צו הערען זעפּפּא'ס שטימע, אבער צו זיין ערשטוינען, האט ער נאָר געהערט עלענא'ס שטימע.

— און זיא איז טאקי אַוועקגעגאנגען? האט עלענא געפרעגט מיינענדיג פילאמעטא'ן.

— וואס דען איך וועל דיך אבנארען?

— נאך א פּויזע האט זעפּפּא בעמערקט נאך אימער זיטצענדיג אויפ'ן קאסטען:

— מאך צו דיא טהיר, עלענא, קענסט פעררינלען.

ספינעלאטשיא איז געווארען מעהר וויא ערשטוינט, ווען ער האט געהערט וויא דער ריגעל האט געקלונגען. טויזענדער ווילדע און פערווירטע געדאנקען זיינען

נעלאָפען דורך זיין קאָפּ: אבער עס איז נאָך ניט געווען אלעס, ער האט בעדאַרפט הערען נאָך פיעל מעהר וויא זיין פאַנטאַזיע האט איהם געקענט פאָרשטעלען.

— קום אהער, עלענא — האט זעפּפּא געזאָגט.

— וואס איז אויף'ן קאסטען?

— איך האב זעהר ליעב דאָ צו זיטצען.

דאן האבען זיי זיך געקושט, און זעפּפּא האט אויפגעפּאסט, דאס יעדער קוש זאָל העכער קלינגען וויא געוועהנליך.

— וויין מיר שוין דעם בריליאַנט, האט עלענא געזאָגט.

— ווארט, איך וועל דיר איהם ווייזען און אויך געבען.

— געה שוין געה, דוא נארסט מיך אָב.

— אָה ניין, עלענא, איך גיב דיר מיין עהרענוואָרט דאַרויף.

— אבער ווען וועל איך איהם זעהן?

— שפּעטער, נאכדעם.

ספּינעלאָטשיא האט געגלויבט אז עס דאָ א „יענע וועלט“, מיט א גיהנום, וואו דיא מלאכי חבלה זיינען ערשטע קלאַסע קינסטלער און רייסען שטיקער פלייש לעבעדיגערהייט פון א מענשליכען קערפּער, נאר דאס אלעס איז קיין פערגלייך געווען מיט דיא שמערצען וואס ער האט אויסגעשטאַנען.

ספּינעלאָטשיא האט גערעכענט זיין פרוי פיר איין ענגעל; זיא איז ביי איהם געווען א הייליגטהום. ער האט ניעמאלס געהאט דעם מינדעסטען פערדאַכט איבער איהר און פלוצלונג וואס איז דאס?

ער האט אלעס געהערט; ער האט פערשטאַנען וואס עס געהט פאָר איבער איהר אויף'ן קאסטען. אבער ער איז געווען מאכטלאָז עפּעס צו טהאָן.

ער האט אין איין צייט געשפּירט, טראָטץ דער געניעגענדער לופט אין קאסטען, אז זיין האלז ווערט צוגעשנורט און ער איז נאָהענט צום ערשטיקען, אבער שרייען אדער בעוועגען זיך האט ער דאָך ניט געוואגט.

ער האט זיך געטראַכט, אז דאס איז א גערעכטע שטראַפע דערפאַר וואס ער האט פערפיהרט פילאמעטא'ן, אבער נאָך אלעמען, דאס הייסט, נאָך דיעזער טרייסט, האט ער נאָך אלץ ניט געקענט בעגרייפען וויא דאס אלעס איז געשעהן.

ערשטענס וויא קומט עלענא צו זעפּפּא'ן אין צימער; צווייטענס וואו איז פערשוואונדען פילאמעטא; און דריטענס ווארום גראדע האט זעפּפּא געוועהלט דעם קאסטען?

31.

אין מיטען פון דיזע פערוויררענדע געדאנקען האט ער ווידער דערהערט עלענא'ס שטימע:

— איך מוז געהן אהיים.

— וואס איילסטו דיך?

— ספינעלאטשיא קען אנקומען.

— זאל ער קומען!

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז פאר דער גאנצער וועלט וויל איך ניט ער זאל וויסען פון אונזערע פערהעלטניסע.

— דומהייטען! איך זאג, אז מען מעג יא וויסען.

— ניין, ניין, איך בעט דיך, לאז מיך געהען.

ער האט זיא ניט אבגעלאזט.

— דאן, האט ווידער עלענא אנגעפאנגען — קען נאך פילאמעטא אנקומען.

— אָה, פאר איהר זאָרג ניט. זיא וועט ניט קומען ביז וואנען איך וועל ניט הייסען. איבריגענס, עלענא, זאג איך דיר דיא ווארהייט, אז איך וואלט וועלעןביידע זאָלען דא זיין.

— וואס רעדסטו?

— אָט וואס דוא הערסט.

— זעפפא! דוא ביזט אראב פון זינגען!

— געוויס ניט, איך בין ביי מיין גאנצען פערשטאנד. איך בין אויך געשטא-נען דאָרט אין צימער, און צוגעזען אלעס און געשוויגען. זעהסטו דאס לאָך אין דער טהיר? דורך דיעזעם לאָך האב איך אריינגעקוקט; מיין גאלל האט מיר שיער געפלאצט און דאָך האב איך געשוויעגען. כלעבען, עס וואָלט געווען א גרויסער יושר זיי זאָלען דאָ זיין. איבריגענס זיינען מיר דאָך ניט דיא ערשטע? מיר האבען בלויז נאכגעטהאי דאס, וואס מיר האבען געזעהען פון זיי.

עלענא האט זיך מיט געוואלט אויפגעהויבען פון דעם קאסטען און אויס-געשריען:

— זעפפא! דוא ביזט א שלעכטער מענש!

— ווארום?

— דוא ווילסט מיך אי בעליידיגען אי אבנארען.

— אָבנארען ?

— יא.

— וואָ אזוי ?

— וואס האסטו מיר פערשפּראָכען ?

— אה יא, איך וויים.

— און וואו איז דיין פערשפּרעכען ?

— דעם בריליאַנט מיינסטו ?

— יא, געווים, דעם בריליאַנט. דוא האסט מיר געגעבען דיין עהרענוואָרט.

זעפּפּא איז ארונטער פון קאַסטען און געענטפערט :

— איך בין איין עהרענמאַן, און וואס איך פערשפּרעך, האלט איך וואָרט. דוא זאָלסט ערהאַלטען היינט פון מיר דעם גרעסטען בריליאַנט אין דער וועלט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר פון דעם קליידער-צימער, געעפענט, און אויסגעשריען :

— קום אריין, פּילאַמעטא !

מען קען זיך פאָרשטעלען עלענא׳ס איבערראַשונג, ווען פּילעמאַטא איז ערשיענען.

ביידע פרויענצימער האבען ניט געקענט רעדען א וואָרט.

— און יעצט — האט זעפּפּא פאָרטגעזעצט — וועל איך דיר געבען דעם פערשפּראָכענעם בריליאַנט.

אין נעכסטען אויגענבליק האט ער אויפגעעפענט דיא דעק פון דעם קאַסטען.

ספּינעלאָטשיא, ערשטוינט, איבערראַשט און ערשראָקען, האט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

— קום ארוים, בריליאַנט מיינער, האט זעפּפּא געשריען — קום ארויס פון דאָרט. זעהסט עלענא, אָט דאס איז דער בריליאַנט. וויא געפעלט ער דיר ?

וויא אזוי ספּינעלאָטשיא איז ארויסגעקראָכען פון דעם קאַסטען, דאס קען ער אליין ניט געדענקען, נאר ער האט בלויז געשפּירט, אז ער שטעהט געגענאיבער צוויי בלאַסע פרויענצימער און [illegible] זיין יוגענד-פריינד זעפּפּא, וועלכער האט אויף איהם געבליקט מיט שפּאָט פעראַכ[illegible]ונג און צאָרן.

ספּינעלאָטשיא האט לאַנגזאם צוריקגעקריגען זיין מוטה, זאָ שנעל וויא ער האט זיך געזעהען בעפרייט. אויב אויף זיין געזיכט האט זיך געזאַמעלט א ווילדער צאָרן און זיינע אויגען האבען אנגעהויבען וויא צו שיסען מיט פייער.

— דוא ביזט אין כעס, פריינד מיינער ? האט זעפּפּא געפרעגט שפּאָטיש —

ווען דוא האסט עפעס דאנענע, דאן בין איך בערייט דיך פאלקאמען צופריעדען צושטעלען. איך האב דיך ביי דער ערשטער ענטדעקונג, ניט געוואלט בעפאלען וויא א מערדער. דאן האב איך בעשלאסען דיר צו בעצאהלען מיט דער זעלבער מינצע וויא דוא האסט מיר געצאהלט. על־פי־חשבון, וואלטען מיר בעדארפט זיין קוויט. דוא זעהסט אבער אוים זעהר אונצופריעדען. גוט, איך בין איינפערשטאנדען. דוא זאלסט האבען פאלקאמענע צופריעדענהייט. אין דער געגענווארט פון אונזערע פרויען זאל דאס געשעהן.

ער האט ביי דיעזע ווערטער ארויסגעצויגען צוויי קינזשאלען און זיי אוועקגעלייגט אויפ'ן קאסטען, בעמערקענדיג:

— וועהל דיר וועלכען דוא ווילסט, און מיר וועלען עס דא אויפ'ן פלאטץ אויסקעמפפען.

ספינעלאטשיא, ווילד און וויטהענד, האט געכאפט איינעם פון דיא קינזשאלען און אויסגעשריען:

— פערטהיידיג דיך!

אין נעכסטען אויגענבליק זיינען צוגעלאפעןביידע פרויען, זיך געווארפען אין מיטען און געשריען.

— פריהער טויט אונז, און דאן וועט איהר קעמפפען!

32.

עס איז מערקווירקיג וויא דיעזע צוויי פרויען האבען זיך פערטהיילט אום צו פערהינדערן בלוט־פערגיסונג. פילאמעטא האט זיך געווענדעט צו ספינעלאטשא'ן און עלענא צו זעפפא'ן. יעדע אלזא האט זיך געווענדעט צום געליעבטען אבער ניט צום מאן.

ספינעלאטשיא מיט'ן קינזשאל אין האנד, איז געבליעבען שטעהן אין דער געגענווארט פון פילאמעטאס נאקעטע ברוסט, וואוהין זיא האט געצייגט מיט איהר האנד און געשריען:

— שטעך דא אריין פריהער דיין מעסער און דאן געה צו איהם! איך בין שולדיג אין אלעמען, און איך וויל ניט לעבען צו זעהן זעפפא'ן ליידען!

— און דוא שטעך מיך! — האט עלענא געשריען צו זעפפא'ן — איך בין שולדיג, ווייל איך האב ספינעלאטשיא'ן בעטראגען. מארדע מיך פריהער!

זעפפא האט נאך ניט געהאט דעם קינזשאל אין האנד, נאר ספינעלאטשיא האט אוועקגעשמיסען דעם קינשזאל אויסשרייענדיג:

— פערפלוכטע פרויען! זאָגאר דיא אייגענע עהרע לאזט איהר ניט פער־טהיידיגען!

— וועמעס עהרע? האט זעפפא געפרעגט — דוא, ספינעלאָטשיא, רעדסט פון עהרע? ווער איז געווען דער אנגרייפער, איך אדער דוא? שעהמסטו דיך ניט צו זאָגען אין מיין געגענווארט אזעלכע ווערטער? דוא מיין יונגענד פריינד, וועלכען איך האָב געליעבט מעהר וויא א ברודער, האסטו געוואגט צו שענדען מיין פרוי וועלכע איך האב ניט געליעבט וועניגער אלס דיר. ענטפער מיר יעצט, ספינעלאָ־טשיא, וואס וואלסטו געטהאן אויף מיין שטעלע, ווען דוא וואָלסט ענטדעקט, אַזעלכע אורזאכע, דיין פרוי אין דיא אָרעמס פון דיין פריינד? ענטפער מיר, דוא פייגלינג!

ספינעלאָטשיא האט געענטפערט מיט א פלוך.

— אבער איך האב ניט געוואגט פערגיסען דיין בלוט. האט זעפפא פאָרט־געזעצט — עס איז ניט געווען דערפאר ווייל דוא האסט עס ניט פערדיענט. דיא גאנצע וועלט וואָלט מיר רעכט געגעבען, אבער עס איז געווען דערפאר ווייל איך האב דיך, צו מיין אייגענע שאַנדע, נאך אימער געליעבט, און אויך געליעבט דיזע פרוי וואס האט מיך בעטראָגען. ראכע האב איך געמוזט האבען, און דיזע ראכע האב איך אויף קיין אנדערן וועג געזעהן, אויסער דיר צו בעצאָהלען מיט דערזעלבער מינצע וויא דוא האסט מיר געצאָהלט.

ביידע פרויען האבען צו דיזער צייט העפטיג געוויינט, און עלענא האט גע־מורמעלט:

— וואס וועל איך טהאָן? וואס וועל איך טהאן?

פילאמענא האט זיך געשפירט מעהר שולדיג און געשוויעגען.

— דוא, עלענא, האט זעפפא געזאגט נאך א פויזע ביזט איין אָפּפער. דיך וועל איך ניט לאזען פאלען, ווען דוא בעשטעהסט דארויף, דאן זאלסטו ווערען מיין פרוי אנשטאָט פילאמענא׳ן. דוא האסט געהאט אורזאכע אזוי צו האנדלען געגען דיין מאן וויא דוא האסט געהאנדעלט, וועהרענד זיא ניט.

פילאמענא האט זיך אויסגעווישט דיא אויגען און פאסענדיג מוטה האט זיא געזאגט:

— דוא האסט רעכט, זעפפא. עלענא דארף ניט זיין אונגליקליך. זיא איז שולדיג איבער מיין שולד. איך פערשטעה אלעס. פאר מיר זאָל זיך גאָט זאָרגען; איך וועל אוועק אין א קלויסטער וואו איך וועל פערבלייבען א נאָנע.

ספינעלאַטשיא׳ס צאָרן איז אונטערדעסען אבגעקיהלט געוואָרען, און זעהענ־דיג פילאמעטא׳ן אזוי אונגליקליך, האט ער געזאגט:

— ניין, ניין, פילאמעטא. דוא זאלסט ניט געהן. דוא פערבלייבסט מיט מיר. פילאמעטא, וויא עס שיינט, איז צופריעדען געוועזען מיט דיזען אנטראג, דען זיא האט קיינע איינווענדונגען געמאכט.

— איך בין איינפערשטאנדען, האט זעפפא געזאגט. ווען ספינעלאַטשיא איז צופריעדען, בין איך אויך צופריעדען. אבער לעבען ווייטער דא איז אונז אונמעגליך. מיר ווילען אויסגעזעצט זיין צום שפאָט פון דער וועלט און צור שאנדע פון אונזערע שכנים. דיא פריינדשאפט צווישען מיר און ספינעלאַטשיא׳ן איז שוין אויך גע־ענדיגט. איך מאך א פאָרשלאג, אז מיר זאָלען אויפגעבען אונזערע געשעפטען, זיך צוטהיילען, און יעדער זאל פערשווינדען וואוהין זיינע אויגען ווילען איהם טראָגען.

ספינעלאַטשיא האט געבליקט צו זעפפא׳ן, וועלכען׳ס אויגען זיינען אנגעפילט געוואָרען מיט טרערען. ער איז געוועזען גערירט. און אין א ניעדריגען טאָן האט ער געענטפערט:

— איך בין צופריעדען צו טהאָן וויא זעפפא וויל.

ספינעלאַטשיא האט באלד נאכדעם פערלאָזען דאס צימער און פילאמעטא איז איהם נאכגעגאנגען. זעפפא איז פערבליעבען מיט עלענא׳ן.

33.

דריי טעג זיינען פאָראיבער, און דיא צוויי שותפים האבען איינער דעם אנ־דערען ניט געזעהן. קיינער פון זיי האט געוואגט צו זעהען דעם צווייטען. וואס עס אנבעלאנגט אין זייער לעבען מיט דיא געביטענע ווייבער, איז דאס אויך געוועזען זעהר טרויעריג, ווייל יעדער בעזונדער האט עפעס געפעהלט און זיך געשפירט איינ־זאם און אונגליקליך.

אם אונגליקליכסטען איז געוועזען פילאמעטא; זיא האט געפיהלט אז זיא איז דיא הויפט־שולדיגע, און ווען זיא וואָלט זיך ניט אונטערגעגעבען צו ספינעלאַ־טשיא׳ס ליעבעס-געפיהלע, וואלט זייער רוהיגעס גליק פאַרטגעזעצט געוואָרען וויא פריהער.

עס איז געוועזען אויפ׳ן פיערטען טאָג, ווען פילאמעטא איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה און געלאָזען ספינעלאַטשיא׳ן שלאָפען אין בעט. זיא איז רוהיג ארויס־

נעגאננען אויף דער גאס, און פערטראכט האט זיא נעוואנדערט פון איין שטראסע אין דער צווייטער, דענקענדיג איבער דעם אונגליק וואס האט זיי אלעמען בעפאלען.

אהנע צו וויסען וואו זיא איז, האט זיא פלוצלונג דערשפירט א רויהען נעגענשטאנד ארויף געווארפען אויף איהר קאפ.

עס איז געווען א זאק.

זיא האט קיין צייט געהאט אויסצושרייען און איהר שטימע איז צוגעשטיקט געווארען. אין נעכסטען אויגענבליק האט זיא זיך געשפירט פון שטארקע מענערהענד אויפגעהויבען פון דער ערד און אוועקגעטראגען.

פילאמעטא האט בלויז געקענט קעמפפען מיט איהרע פיס און הענד, אבער דאס האט איהר ווייניג געהאלפען, דען יעמאנד האט באלד אנגעכאפט איהרע הענד און דאן איין אנדערער איהרע פיס און זיא איז נאך שנעלער וויא פריהער אוועקגעטראגען געווארען.

וואוהין ? דאס האט זיא ניט געוואוסט.

באלד האט זיא געשפירט וויא מען האט זיא אוועקגעלייגט אויף דער ערד, אונטערדריקטע מענער שטימען האבען געשפראכען, נאכדעם האט זיך געהערט א שווערער רינגעל און עס געווארען שטיל.

זא שנעל וויא פילאמעטא האט פערשטאנען, אז קיינער האלט זיא ניט צו, האט זיא אנגעפאנגען מיט איהרע הענד ארונטערצושלעפען דעם זאק וואס האט בעדעקט איהר געזיכט. עס איז איהר געלונגען זיך צו בעפרייען. אבער פאר איהרע אויגען איז ערשיענען א גרויסע פינסטערניס. טאפענדיג מיט דיא הענד, האט זיא געשפירט א נאסען באדען און דער גערוך פון דער לופט, האט איהר געזאגט, אז זיא געפינט זיך אין א פינסטערן קעלער.

זיא איז געזעסען עטליכע סעקונדען אין גרויסע שרעק, דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען און אנגעפאנגען צו טאפען ארום זיך. גרויסע און מעכטיגע שטיינער האט זיא בעריהרט און צום שלום האט זיא דערשפירט א שווערע טהיר פערמאכט און פערשלאסען מיט א שווערען אייזערנעם רינגעל.

זיא האט אנגעהויבען צו שרייען און רופען, אבער בלויז איין אונטערדריקטעם ווידער קול האט איהר אבגעענטפערט.

זיא האט אויסגעבראכען אין א העפטיגעס געוויין, אבער נאך א קורצער צייט איז זיא געבליעבען שטיל.

צו וואס? צו וועלכע צוועק זאל זיא ווײנען? וואס וועט דאס איהר העלפען?

עס זײנען פאראיבער א פאאר שטונדען, ווען דיא גרויסע טהיר האט זיך פלוצלונג געעפענט, און פאטער אנטאָניוס, מיט א פאנאר אין האנד איז ערשיענען. יעמאנד האט פון דרויסען צוריק צוגעמאכט דיא טהיר.

— דוא ביזט ענדליך אין מײן כאפ־שטײנעל, מײן קאַנאַריען־פײגעל! האט אנטאָניוס אויסגערופען לאכענדיג שפּאָטיש.

וויא פילאמעטא האט נור ערבליקט אנטאָניוס׳ן, האט זיא באלד פערשטאַ־נען וואס עס האט פּאסירט און וויא זיא קומט אהין. זיא האט ניט געענטפערט; זיא האט בלויז געשווידערט.

— האָסטו געמיינט אז דוא וועסט פון מיר לויז ווערען? האט אנטאָניוס גע־זאָגט וויטהענג׳ — ווארט, דוא זאלסט מיך קענען לערנען! מײן אבער ניט, אז איך וועל מיר בעשמוטצען מײנע הענד מיט דיר צו קעמפּפען; דוא זאלסט מיך אליין בעטען, און דאן ערשט זאל זײן מײן נקמה פאלקאָמען.

ער האט נאך געשפּראָכען, אבער פילאמעטא האט ניט געהערט, זיא איז געוועזען צו פערווירט אום אויפצופאסען וואס ער זאָגט. אונטערדעסען האט דיא בראווע פרוי גיפאסט א בעשלוס, בעסער צו שטארבען איידער זיך אונטערצוגעבען צו דיזען טײפעל.

אנטאָניוס האט איהר אנגעזײגט, אז זיא וועט קריעגען ברויט מיט וואסער צוויי מאל א׳ן טאג, און ווען זיא וועט זײן בערייט איהם צו עמפּפאנגען, זאל זיא עס מודיע זײן דעם וואס וועט איהר ברענגען דעם ברויט מיט וואסער.

פילאמעטא איז געוועזען בערייט ארויפצושפּרינגען אויף זײן האלז און איהם צודריקען זײן גאָרגעל, אבער זיא איז געוועזען צו שוואך דאצו, און איז דעפאר גע־בליעבען רוהיג.

נאכדעם וויא דער גלח האט זיך אויך ערלויבט עטליכע גראָבע שפּאסען, האט ער זיא פערלאָזען אין דעם פינסטערען קעלער.

34.

ווען ספּינעלאָטשיא איז אויפגעשטאנען און ניט געפונען פילאמעטאַ׳ן, האט ער געווארט ביז זיא וועט צוריקקעהרען. ער האט געווארט אזוי לאנג, ביז ער איז געוואָרען אונגעדולדיג. איין שטונדע נאך דער צווייטער איז פאריבער, ביז עס איז

געוואָרען מיטאָג צייט. ער האָט ניט געקענט פערשטעהען וואס עס האָט מיט איהר פּאַסירט.

דאַן איז ער ארויסגעגאנגען אויף דער גאַס. ער האָט בעגעגענט איין אלטע פרוי א שכנה, און זיא געפרעגט אויב זיא האָט ניט געזעהען פילאמעטאָ׳ן. דיא אלטע האָט איהם מיטגעטהיילט, אז זיא האָט געזעהען פילאָמעטאָ׳ן גאַנץ פריה.

— וואוהין איז זיא געגאנגען? האָט ער געפרעגט.

זיא האָט איהם געוויזען רעכטס. ער איז נאָכגעגאנגען אויף דיעזער שפּור, אָבער ער האָט קיין ריכטיגע אויסקונפט געקענט בעקומען. געהענדיג איז ער געקו־מען צו מעהרערע קליינע קינדער, וועלכע האָבען זיך געשפּיעלט אויף העלצער, און ער האָט בעמערקט וויא איינער פון זייא, מיט א זאַק אין דער האַנד איז פּלוצ־לונג ארונטער געשפּרונגען, און צולויפענדיג צו א קליין מיידעלע, האָט ער ארויף געוואָרפען דעם זאַק אויף איהר קאָפּ. נאָך איינגלעך זיינען צוגעלאָפען און אָנגע־פאַנגען דאָס מיידעל צו טראָגען. ספּינעלאָטשיא האָט דיעזען קינדער שפּיעל ניט געקענט ערטראָגען, און מיינענדיג, אַז דאָס קינד ווערט דערשטיקט, איז ער צוגע־געלאָפען און זיא גערעטעט פון זייערע הענד.

— שעהמט זיך! האָט ער געשריען, „ווער האָט איך געלערענט אזעלכע שפּאַסען?

דיא קינדער האָבען געלאַכט, און איינער פון זייא, א איינגעל פון א יאהר 7 איז פאָרגעטרעטען און געזאָגט:

— גרויסע מענשען שפּילען זיך אויך אזוי.

— וואו האָסטו דאָס געזעהען?

— ביים קלויסטער.

— ספּינעלאָטשיאָ איז געוואָרען פעראינטערעסירט, אָבער ער האָט אַליין ניט געוואוסט דיא געניוע אורזאַכע ווארום. און אום איהם צו מאַכען בעסער רע־דענדיג, האָט ער איהם פערשפּראָכען א מטבע.

דאָס קינד אין איין אונשולדיגען טאָן, האָט דערצעהלט, אַז ער, צוזאַמען מיט דעם אַנדערען איינגעל וואס האָט געהאַט דעם זאַק, האָבען געזעהען גאַנץ פריה, דאָס נעבען הויף פון קלויסטער, איז צוגעקומען א פרוי, און צוויא מענער זיינען צוגעשפּרונגען, ארויפגעוואָרפען א זאַק אויף איהר קאָפּ, און אריינגעטראָגען דיא פרוי אין הויף פון דעם קלויסטער. זייא האָבען דאָס בעטראַכט פאַר א שעה־נעם שפּאַס און דאָס דערפאַר ווידערהאָלט.

ספינעלאַטשיאַ אוים איינפאכער נייגיעריגקייט, האָט אָנגעפאַנגען ווייטער אויסצופרעגען דיא קינדער וויא דיא פרוי האט אויסגעזען.

איינער האט איהם געזאגט, אז זיא איז געווען א יונגע, און דער אנדערער האט איהם מיטגעטהיילט, וויא אזוי זיא איז געווען געקליידעט.

עס איז פילאמעטא! האט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט און זיך געלאזט אוועקגעהן.

— הע! ליגנער! האט א קינד געשריען, וואו איז דיא מטבע וואס איהר האט אונז פערשפּראָכען?

ספינעלאַטשיא האָט זיך דערמאהנט, און געגעבען דיא קינדער דיא פער פערשפּראכענע מטבע, אין דער זעלבער צייט האט ער זייא אויך געפרעגט וויא זייא הייסען און וואו זייא וואהנען, זייא האָבען איהם געזאגט דאן איז ער אוועק.

35.

ספינעלאטשיא האט ארום שפּאצירט אונגעפעהר א האלבע שטונדע, פער־טיעפט אין געדאנקען, און ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טהאן. דאן האט ער צוריקגעקעהרט אהיים. ער האט בעמערקט ארויסגעהענדיג זעפּפּא'ן פון זיין וואהנונג. זעפּפּא'ס געזיכט איז געווען שטארק בלאס. ספינעלאטשיא'ס מיטלייד צו זיין אלטען פריינד האט זיך ערוועקט. ער האט איהם געוואלט אויסמיידען, נאר ער האט ניט געקענט. דיא אלטע געוואוהנהייט, זיך צו בעראטען מיט זיין קלוגען שותף איבער אלע שוויריגקייטען, האט איהם ניט געלאָזט רוהען.

יאָ, עס איז געווען א שווערער קאמפּף, אָבער ספינעלאטשיא'ס שטאָלץ האָט צוזאמענגעבראָכען, און ער האט זיך דערנעהענטערט צו זיין פריינד.

— זעפּפּא, האט ער אנגעפאנגען, איך האב דיר עפּעס מיט צו טהיילען.

זעפּפּא האט געשוויעגען, נאר ער איז געבליעבען שטעהען אום צו הערען וואס ספּינעלאטשיא האט צו זאָגען.

— ווילסטו מיך אויסהערען? האט ער געפרעגט.

— רעד! איז געווען דער קורצער ענטפער.

פילאמעטא איז פערשוואונדען געוואָרען.

זעפּפּא האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און אנגעקוקט ספינעלאטשיאן ער־שטוינט, אבער ער האט גאָר ניט געזאגט.

דאן האט איהם ספינעלאטשיא מיטגעטהיילט, וויא אזוי ער איז אויפגע־שטאנען און ניט געפונען פילאמעטא'ן, וויא אזוי ער האט נאך איהר געפרעגט, און ענדליך וואס דיא קינדער האבען איהם דערציילט.

צום שלום האט ספינעלאטשיא, אין א געבראכענער שטימע בעמערקט:

— וואס דאס קען בעדייטען, וויים איך ניט. אבער דיא ארימע פילאמעטא מוז גערעטעט ווערען. איך פערזיכער דיך אז דיא גאנצע שולד טראג איך. ניט זיא זאנדערן איך האב איהר אנגעטראגען מיין ליעבע. זיא האט מיך אנפאנגס ניט געוואלט הערען. אבער צום סוף האט זיא נאך א קאמפף זיך אונטערגעגעבען. מ'ין פערדאכט איז, אז זיא איז אריין געפאלען אין דיא הענד פון אנטאניוס'ען ער איז א גרויסער שופט. איך בעט ניט קיין מיטלייד בייא דיר, ווייל איך האב עס ניט פערדיענט. אבער אין נאמען פון דער ליעבע וואס דוא האסט אמאל גע־טראגען צו פילאמעטא'ן, בעט איך דיר, העלף מיר מיט דיין ראטה, וויא אזוי מען קען זיא רעטען.

זעפפא האט אלעס אויסגעהערט אויפמערקזאם, און צום שלום האט ער געזאגט:

— איך וועל דיר העלפען זיא צו רעטען.

ער האט איהם געצייגט איהם נאכצופאלגען. ספינעלאטשיא איז נאכגעגאנ־גען זעפפא'ן אין זיין וואהנונג. ווען עלענא האט זייאביידען ערבליקט, איז זיא גע־בליעבען שטעהען שפראכלאז.

זעפפא איז צוגעגאנגען צו א שראנק און ארויסגענומען צווייא לאנגע קינזשאלען.

— נעהם איינעם, האט ער געזאגט צו ספינעלאטשיא'ן, וועלכער האט איהם געפאלגט.

ווען עלענא האט דאס ערבליקט, איז זיא צוגעלאפען, זיך געווארפען צווישען דיא צווייא מענער און געבעטען מען זאל זיא הרג'ענען.

— בלייב רוהיג עלענא — האט זעפפא געזאגט — מיר וועלען איינער דעם צווייטען גאר ניט טהאן.

— וואס דען בעדייטען דיזע קינזשאלען? האט זיא געפרעגט.

— פילאמעטא איז אין געפאהר, און אום זיא צו רעטען בענויטהיגען מיר דאס.

עלענא האט אנגעהויבען צו ציטערן און געפרעגט וואס דאס בעדייטעט.

זעפפא האט ווידערהאלט אין קורצע ווערטער וואס ער האט שוין איינמאל

געזאָגט, אבער עלענא, אויסברעכענדיג אין א העפטיגעס געוויין האט זיי געבעטען וואס עס זאל ניט זיין, זאלען זיי רעטען איהר פריינדין פיכאמעטא, און זיך אליין אויך אנגעבאָטען מיטצוגעהן ווען מען זאָל איהר בענעטהיגען.

עלענא׳ס אויסברוך פון געפיהלע האט געריהרטביידע מענער און זיי האבען זיא פערזיכערט, אז זיי וועלען אלעס מעגליכע אנוועגדען צו רעטען פילאמעטא׳ן, וועהרענד זיא מעג בלייבען אין דער היים.

זיי האבען שוין געהאלטען אין אוועקגעהן, ווען זעפפא האט זיך אומגעווענדעט פלוצלונג און געזאגט:

—· ווען מיר וועלען ניט צוריקקעהרען ביז 12 אוהר אין דער נאכט, דאַן זאָלסטו מעלדען דער פאָליציי דאריבער און זאָגען, אז מיר זיינען געגאנגען צו פאטער אנטאָניוס.

מיט דיזע ווערטער זיינען זיי אוועק, און עלענא, ערשטוינט און איבערראשט, איז געבליעבען שטעהן און נאכגעקוקט דיא מענער ביז זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

36.

פאטער אנטאָניוס, אבוואָהל ער האט געוואוסט אז אויף יענער וועלט איז ערשט דאס ריכטיגע לעבען, האט ער אונטערדעסען אויך זעהר געליעבט דיזע וועלט און ער האט אימער שטארק הנאה געהאט פון א גוטען מיטאג.

עס איז שוין געווען באלד צווישען טאג און נאכט, און פאטער אנטאָניוס, ווִיא עס שיינט, האט זיך אביסעל פערשפעטיגט מיט דעם מיטאג, דען ער האט זאנסט געגעסען פריהער און ער איז אימער געווען פינקטליך מיט דער אכילה. אונטערדעסען אבער, האט ער זיין אפעטיט ניט פערלאָרען, און ער האט געגעסען מיט א זעלטענעם געשמאק פון א האלבען געבראָטענעם לאם, וועלכען ער האט געטונקט אין א פרוכט-סאלאט. געגענאיבער איהם איז געשטאנען א פלאש אלטער וויין, אזוי גוט וויא בוימעהל, און ער האט זייער אָפט פון דאָרט אנגעגאָסען זיין גלאָז טרינקענדיג לאנגזאם, אום צו פיהלען דעם ריכטיגען טעם פון דעם גוטען וויין.

יא, פאטער אנטאניוס האט געוואוסט ביידע זאכען, אי וויא צו עסען, אי וויא צו טרינקען. ער האט איבערהויפט אויסגעזעהן זעהר צופרידען מיט זיך זעלבסט אין דיעזען טאג, זיינע צוויי קירכען-דיענער, געטרייע מענשען, האט ער אנגעזאגט, דאס זיי זאלען קיינעם ניט צולאָזען, ווייל ער וויל זיך ניט שטערען און געזאָבזיכטיגט אויף צו שלאפען אביסעל נאך זיין גוטען מיטאג.

עדוואַרדאָ, איינער פון די דיענער, וועלכער האט געקראַנען א פרעזענט און געלד, פון פאטער אנטאַניוס איז אונטערדעסען אוועק אין שיינק עפּעס טרינ־קען, און פערשפּראַכען זיין קאַמעראַד ריענזי, דאס זא שנעל וויא ער וועט פערטיג ווערען קעהרט ער צוריק און ער וועט געהן אין ווינשיינק.

ריענזי איז געזעסען אין איינגאַנג פון דעם גלח'ס וואָהנונג, וואס האט אויך געפיהרט צו דער קירכע, און ניט האבענדיג וואס צו טהאָן, האט ער אביסעל צו־געדרעמעלט.

עס איז געוועזען גראַדע דאַמאָלס ווען זעפפּאַ און ספּינעלאַטשיא האבען זיך אהין דערנעהענטערט און בעמערקט ריענזי'ן שלאָפען. ספּינעלאַטשיא האט גע־וואָלט געהן פאָרווערטס, נאר זעפּפּאַ האט איהם צוריקגעהאַלטען, איינרוימענדיג:

— מען מוז איהם פערשטאָפּען דעם מויל, בינדען און לאָזען ליגען.

ספּינעלאַטשיא האט פערשטאַנען און ארונטערגענומען זיין לעדערנעם גאַר־טעל.ביידע זיינען צוגעגאַנגען פאָרזיכטיג, און עס האט זיי גענומען בלויז איין מינוט צייט, ביז זיי האבען זייער ארבייט דורכגעפיהרט און ריענזי, דערשראָקען ביז טויט איז געבליעבען ליעגען הילפלאָז, שטום און מיט אָפענע אויגען.

זעפּפּאַ האט פאָרזיכטיג צוגעמאַכט דיא טהיר, און ספּינעלאַטשיא האט איהם געפרעגט מיט א בליק וואס עס איז ווייטער צו טהאָן.

— הער אויס, האט זעפּפּאַ געזאָגט גאַנץ שטיל — איך צווייפעל אבסאָלוט ניט, דאס פּילאַמעטאַ איז דאָ. איך וועל דיך שוין פיהרען צו אנטאַניוס'ן איך וויים וואו ער איז, און איך בין זיכער אז פּילאַמעטאַ איז אין זיינע הענד. ער איז א גע־פעהרליכער באַנדיט און מען מוז מיט איהם אומגעהן זעהר פאָרזיכטיג. האַלט דיין קינזשאַל בעריים.

זעפּפּאַ האט מעהר ניט געזאָגט, נאר ער איז געגאַנגען פאָרווערטס. ספּינע־לאַטשיא איז איהם נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען צוגעקומען צו א טהיר, געעפענט, און ביידע זיינען אריין. זעפּפּאַ האט פערריגעלט דיא טהיר. פאַר זיינע אויגען איז גע־זעסען אנטאַניוס און דעם ביסען וואס ער האט געהאַלטען אין מויל, האט ער ניט מעהר געקענט ארונטערשלינגען.

זעפּפּאַ האט ארויסגעצויגען זיין לאַנגען קינזשאַל, צוגעגאַנגען נעבען אנטאַניס, זיך געזעצט און געזאָגט:

— פאַטער אנטאַניוס, וואו איז מיין פרוי?

ספּינעלאַטשיא האט זיך ניט געקענט געגוג אבוואונדערען איבער דער קאַלט־

בלוטיגער ענטשלאסענהייט פון זיין שותף. אום אויך עפעס צו טהאן, האט ער ארויסגעצויגען זיין קינזשאל און איז געבליעבען שטעהן פון ווייטען.

אנטאניוס איז בלייך געווארען וויא דיא וואנט און זיך אנגעפאנגען אבצו־ווישען דאס מויל מיט זיין ציטערענדער האנד.

— הער אויס אנטאניוס, האט זעפפא פארטגעזעצט — איך בין ניט ענטשלאסען צו מאכען דא לאנגע צערעמאניען. מיין פרוי איז היינט פריה דא בעפאלען געווארען, דאס הייסט, אין דרויסען נעבען דיין קירכע. דאן האט מען זיא אהער אריינגעטראגען, און זיא געפינט זיך אין דיין געוואלט. איך גיב דיר פינף מינוטען צייט מיר אבצוגעבען מיין פרוי; ווען דו טהוסט עס ניט דאן זאלסטו קראפירען וויא א משוגענער הונד.

אנטאניוס האט אנגעפאנגען צו שטאמלען, אז ער ווייס פון קיין זאך ניט צו זאגען, אבער זעפפא האט איהם געלאזט אויסרעדען, דאן האט ער בעמערקט:

— דיא פינף מינוטען לויפען פאראיבער און דוא בעאיילסט דיך גאר ניט צו רעטען דיין לעבען.

אנטאניוס האט אנגעהויבען צו שווערען, אז ער האט קיין אהנונג פון זייער בעשולדיגונג.

— ספינעלאטשיא! האט זעפפא געזאגט ניט אכטענדיג אנטאניוס׳ן — דעם ערשטען שטויס וועל איך איהם געבען, גראדע אין זיין שמוציגער ברוסט, דעם דעם צווייטען קענסטו איהם געבען, וואוהין דוא ווילסט.

אויף זעפפא׳ס געזיכט איז געלעגען דער אויסדרוק פון מארד. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, בעוואוגען מיט זיין האנד, דער קינזשאל האט גע־בליטצט......

— מיטלייד! מיטלייד! האט אנטאניוס אויסגעשריען — איך זאג! איך זאג!

— איך האב עס פריהער געוואוסט, האט זעפפא בעמערקט — אז מיין קינזשאל האט א כח דיך צו מאכען רעדענדיג. אבער פערליער קיין צייט. קום און צייג אונז וואו פילאמעטא איז.

אנטאניוס האט זיך אויפגעהויבען און ציטערענדיג אין זיין גאנצען קערפער האט ער אנגעפאנגען צו געהן.

— הער אויס אנטאניוס, — האט זעפפא בעמערקט אין איין ענטשלאסענעם טאן — דיא מינדעסטע פערדעכטיגע בעוועגונג וואס דוא מאכסט צו רופען הילפע, ענטלויפען אדער אונז בעטריגען, וועט דיך קאסטען דיין לעבען. דיין דיענער רייענז

רינט הילפלאָז נעבונדען. ווען דוא וועסט זיין טוידט, וועלען מיר איהם מאַרטערן און פון איהם ארויסקריגען דאס געהיימניס. איך האב א פערדאַכט, אז ער מוז זיין דיין מיטשולדיגער.

נייין, אנטאָניוס איז ניט געוועזן ענטשלאָסען זיי צו פערראַטהען; ער האט געוואוסט אז ער האט צו טהאן מיט געפעהרליכע מענער, און ער האט זיי ארונ־טערגעפיהרט צום קעלער, אויפגעעפענט די טהיר, און ביים שיין פון דער אונ־טערגעהענדער זונן, האבען זיי ערבליקט פילאמעטאַ׳ן ליעגענדיג אויף דער ערד.

ווען פילאמעטא האט זיי ערבליקט, איז זיא אויפגעשפרונגען, ארומגעכאַפּט ביידע מענער, געוויינט און געלאַכט און געשריען:

— יא, יא, איך ליעב אייך ביידען! טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט, איך ליעב אייך ביידען!

אנטאָניוס האט זיך בענוצט מיט דיעזער געלעגענהייט, און איז שוין געוועזן אויף די טרעפּען פון דעם קעלער אבער זעפּפּא איז מיט איין שפּרונג געוועזן נע־בען איהם און מיט זיין אייזערנער האנד האט ער איהם צוריקגעריסען.

— בלייב דאָ שופט! מיר האבען נאך מיט דיר עפּעס צו רעדען!

אנטאָניוס איז ניט געוועזן אימשטאַנדע עפּעס צו זאגען, ווייל ער האט גע־ציטערט וויא א פיש אין וואסער. אבער זעפּפּא האט איהם באַלד בערוהיגט, ווען ער האט איהם מיטגעטהיילט אז ער וועט איהם ניט הרג׳ענען.

אנטאָניוס האט דאן מיטגעטהיילט די וואהרהייט, דאס הייסט, אז ער האט נאר געוואלט אויסאיבען זיין ראַכע אן פילאמעטאַ׳ן, און מיט איהר זיין טראָטץ דעם וואס זיא האט איהם פעראַכטעט.

— גוט — האט זעפּפּא געזאגט — איך גלויב דיר. יעצט לעג דיך אוועק און עמפּפאַנג דיין שטראַפע.

אנטאָניוס איז ניט בעשטאַנען דארויף, נאר א מעכטיגער פויסט־שטויס פון זעפּפּא׳ס האנד, האט איהם באַלד אויסגעשטרעקט צו דער ערד. זעפּפּא האט גע־הייסען פילאמעטאַ׳ן זיא זאָל זיך זעטצען אויף׳ן גלח׳ס קאָפּ און ספּינעלקאָטשיא האט זיך געזעצט אויף זיינע פיס.

זעפּפּא׳ס רימען איז געוועזן דיק און געהאט א שווערען אייזערנעם שלאָס. ער האט אבגעצעהלט אנטאָניוס׳ן אזוי פיעל רימענס, ביז זיין שטימע איז גע־וואָרען אונהערבאר און דאס בלוט פון זיין לייב איז ארויסגערונען דורך זיינע אונ־טער־קליידער.

פילאמעטא האט דאס שוין מעהר ניט געקענט צוזעהען און געבעטען פאר איהם.

— דאס וועט אלזא זיין גענוג, — האט זעפפא געזאגט. ספינעלאטשיא און פילאמעטא האבען זיך אויפגעהויבען, און זעפפא האט דעם גייסטליכען געגעבען א העפטיגען שטויס מיט דעם פוס, פון וועלכען ער האט זיך דערמינטערט.

אָהנע מעהר צו אכטען אויף איהם, זיינען זיי ארויס פון דעם קעלער, אויפ־געבונדען דעם ערשטווינטען ריענזי און אוועק אהיים. איבער'ן וועג האט פילאמעטא זיי מיטגעטהיילט וואס עס איז מיט איהר געשעהען.

— אבער איך בין געוועזען ענטשלאָסען, האט זיא אויסגעשריען — צו שטאר־בען קעמפפענדיג געגען דיעזער בעסטיע!

37.

ווען עלענא האט דערזעהן פילאמעטא'ן, האט זיא איהר ארומגעכאפט און געקושט. ביידע יונגע פרויען האבען געוויינט. דיא מענער האבען בייגעוואָהנט דיעזע סצענע שטיל שווייגענד.

— קענסטו מיר פערצייהען? — האט ספינעלאַטשיא פלוצלונג געפרעגט זעפפא'ן אויסשטרעקענדיג זיין האנד.

זעפפא האט איהם געגעבען דיא האנד און בעענטפערט:

— יא איך פערצייהע דיר!

ביידע מענער און ביידע פרויען האבען זיך אוועקגעזעצט און אנגעפאנגען צו בעשפרעכען וואס מיט זיי איז געשעהען.

— ספינעלאַטשיא, האט זעפפא געזאָגט — פילאמעטא ליעבט דיך אבער דוא זאלסט וויסען, אז עלענא ליעבט דיך אויך. וואס זאל פון מיר ווערען?

— ניין, ניין, פריינד! — האט ספינעלאטשיא געענטפערט — פילאמעטא ליעבט דיך, און ווען עלענא זאל דיך פיינד האבען וואלט זיא דיר ניט געגעבען איהר ליעבע.

זיי זיינען געוועזען פערווירט.

ענדליך האט זעפפא געפרעגט דיא פרויען:

— וואס זאלען מיר יעצט טהאָן? מיר האבען זיך מוחל געוועזען: יעדער פון אייך וויל איינעם פון אונז? וויא אזוי זאל דאס בלייבען?

דיא פרויען האבען געשוויגען

— הער אויס, ספינעלאָטשיא, האט זעפפא ווייטער געזאגט. אויב איך האב ניט קיין טעות אין מיינע קענטניסע פון מענשען, דאן בעגרייף איך, אז מיר פיער בילדען איין אויסנאמע פון דיא אנדערע מענשען ארום אונז. איך פעראכטע דיא גלחים מיט זייערע דרשות און עדות, וואס זיי זיינען, האט מיך אנטאָניוס איבער־ציינט. איך פון מיין זייט וועל זיי מעהר ניט פרעגען וואס איך האב צו טהאן. איך מוז דיר זאגען דיא וואהרהייט, אז זאגאר דאמאָלס ווען איך האב געזעהן פילא־מעטא'ן צום ערשטען מאָל אין דיינע ארעמס האב איך דיך אויך ניט געהאסט. איך האב בלויז מיך אליין בעדויערט. יעצט ליעב איך דיך וויא מיין אלטען פריינד. וואס עס אנבעלאַנגט אונזערע פרויען ליעב איך ביידען. איז דאס ניט מערקווירדיג? יא, יא, ספינעלאָטשיא, דוא ליעבסט אויך ביידע! נאך מעהר, זיי ליעבען אונ־ביידע; פילאמעטא האט דאס בעוויזען און עלענא האט מיך דאריבער איבער־ציינט. מיר ליעבען זיך אלזא אלע פיער. ווארום זאל אונזער גליק געשטערט ווערען?

ספינעלאָטשיא און דיא פרויען האבען אויסגעהערט געדולדיג זעפפא'ס ווערטער, און אלע זאבען זיך אומארעמט, וויא צוויי ברידער און צוויי שוועסטער און זיך צוזאמען געקושט.

דאס גליק פון דיעזע צוויי פּאַרלעך איז געווען לאנג און דויערהאפט. ביידע פרויען האבען געהאט קינדער, און ביידע מענער האבען דיא קינדער גלייך געליעבט.

ע נ ד ע

טוביה חייקעל שלים־מזל.

א בוך פול מיט הומאר.

פון א. ד. אגוז.

דער פערפאסער פון „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", האט אונז יעצט מופה געווען מיט א נייע ווערק וועלכע הייסט „טוביה חייקעל שלים־מזל". אין דיזע ווערק גיט ער אונז אַ טיפּ פון אַ רוהיגען און געלאַסענעם מענשען, וועלכער איז צו=פריעדען מיט גאָט'ס וועלטעל און מיט אַלעם וואס אויף איהר איז, און אויף אלע אונגליקען און פורעניות'ן וואס אויף איהם קומט, זאגט ער „גם זו לטובה". ער שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּ און ווערט אויך פון קיין זאך ניט איבערראשט; ער קוקט אויף אלעם גלייכגילטיג, ער איז ניט פערזאָרגט און ניט פערהאַוועט, ער איז ניט קיין אָין להעשיר, ער וויל ניט נעהמען דאס גליק מיט גוואלד, ער טהוט זיין ארבייט און פיהרט זיין ביזנעס גאנץ געלאסען, טרייעט זיין בעסט אויף א נאַטירליכען וועג צו מאכען אַן ערפאָלג, און ווען עס געהט שלים=מזל'דיג ווערט ער ניט פער=צווייפעלט און זוכט עפּעס אנדערש. ביי איהם איז ניט דאס, איז יענעס, איז ניט היינט, איז מארגען, איז ניט היי=יאהר, איז איבער אַ יאָהר. ער גיט קיין מאָהל זיין האפנונג ניט אויף.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

האט זיין נאמען „שלים־מזל" כשר פערדיענט, ווייל ער איז נעבאך אַ שלים=מזל פיעלייכט איינער אין דער וועלט, עס איז גאר זיין גלייכען ניטאָ. צו וואס ער בעהמט זיך און וואס ער טהוט און עס דוכט זיך אז אָט, אָט ווערט ער שוין אן עושר, לאזט זיך דערפון אויס א בוידעם, ער טהוט — דוכט זיך — גלייך און עס לאָזט זיך אויס קרום, עס פאלט אלעם ביי איהם מיט די פוטער אראָפּ.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

איז אַ בוך פול מיט הומאָר און וויטץ, אבער אין דער זעלבער צייט איז דאָס אויך אַ קריטיק איבער אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער, וועלכע האפען זיך אלע דווילע צו אנדערע פרנסות.

קויפט און לעזט דיזען בוך און איהר וועט זיך גוט אמוזירען, אויב איהר האט הנאָה געהאט פון דעם פערפאַסערס ערשטען בוך „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", וועט איהר יעצט מעהר הנאה האבען פון זיין צווייטען בוך „טוביה חייקעל שלים=מזל".

פרייז 30 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ראטהשילד.

א בעשרייבונג פון ר׳ מאיר אַנשעל ראָטהשילד אויס פראַנקפורט,
וועלכער איז געוועזן דער פאטער פון דער איבעראַל
בעוואוסטע רייכע פאַמיליע ראָטהשילד.

פון נ. מ. שייקעוויטש.

כמעט יעדער איד האט געהערט, אז דיא בעריהמטע פאמיליע ראָטהשילד איז דיא רייכסטע אין דער גאנצער וועלט, אָבער זעהר וועניג וויסען וויא אזוי זייא זיינען געקומען צו אזא אונגעהייער רייכטהום.

אין דיעזען בוך ווירד ערצעהלט אלעס גענוי אונד פינקטליך וויא

ר׳ מאיר אנשיל ראטהשילד,

דער גרינדער פון דיא באַנק-הייזער ראָטהשילד, א בית-המדרש אינגעל האט זיך דורך פלייס אונד ארבייט, אונד איבערהויפט דורך עהרליכקייט זיך ארויפגעארבייט אויף א רייכע באַנק-הויז, אונד איז ענדליך געוואָרען דיא רייכסטע באַנק-געשעפט אין דער וועלט.

יעדער איד וואס אינטערעסירט זיך צו וויסען דיא געשיכטע פון זיין פאָלק, דארף דיעזען בוך לעזען, ווייל אויסער וואס זיא איז זעהר שפאַנענד אונד אינטע-רעסאַנט, איז זיא אויך בעלעהרענד אונד דערצעהלט אייך א שטיק אידישע גע-שיכטע וואס מיט אידען האט פאַסירט צו יענער צייט.

דאס בוך ראָטהשילד איז פול מיט דיא מערקווירדיגסטע אונד איבער-ראשענדע פאַסירונגען אונד צייגט אייך דעם קאַמפף פון עהרליכקייט געגען פער-דאָרבענהייט, פון מאָראל געגען אויסגעלאַסענהייט אונד איז נור דורך עהרליכקייט אונד דערבייא פלייס אונד ארבייט קען מען קומען צו דעם לייטער פון הצלחה.

פרייז 10 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאַנדלונגען און צייטונג-סטענדס, וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., New York.

ש. פרוג׳ס שריפטען

אין 3 פראכטפאָלע בענדער

א זאמלונג פון אלע זיינע ליעדער, פאעמען און
שריפטען וועלכע האָבען איהם בעריהמט
געמאכט איבער דער גאנצער וועלט.

פרייז בלויז 2 דאָלאר

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

יעקב גארדין'ס ווערקע

אין 4 פראכטפאלע בענדער

די בעסטע פון זיינע ראמאנען, סקיצען, רייזע־בילדער, קריטי־קען, סאטירעס, דראמאטישע און פילאזאפישע אבהאנדלונגען און פאנטאסטישע ערצעהלונגען, צוזאמענגעקליעבען און קלאסיפיצירט אונטער דער רעדאקציאן פון מאררים ווינטשעווסקי. דאס איז א זאמלונג פון ווערק וואס ווערט בעטראכט אין דער גאנצער וועלט אלס די העכסטע, שעהנסטע און ערהאבענסטע אין דער אידישער ליטעראטור.

פרייז בלויז 2 דאלאר

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע,

פון אלכסנדר הארקאווי,

איז א ניצליכער בוך גרינדליך אויסצולערנען דיא ענגלישע שפראַכע

א בוך פון 600 זייטען.

זיין ריכטיגער פרייז אין אַללע שפראַכען איז 3 דאָלאַר,

אין אידיש נור 1 דאָלאַר.

אלענדאָרפ׳ס מעטהאָדע איז אנערקענט אין דער גאנצער וועלט פיר דיא בעסטע, ווייל דיא פראַקטיק האט בעוויזען, דאס זיא איז זעהר לייכט און גוט פיר יעדען וואס וויל זיך אויסלערנען דיא ענגלישע שפראַך אָהן א לעהרער.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע

איז אויף אזא ארט, דאס דיא שפראך איז איינגעטהיילט אין לעקציאָנען, אין יעדער לעקציאָן קומען פאָר ווערטער, געשפרעך און גראַמאַטישע רעגעל.

פאר דיא לעקציאָנען קומט א בעזונדערע אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען און ספעלען, אום דיא ווערטער און גראַמאַטישע רעגעלן זאָלען מעדר פערשטארקט ווערע אין דיא געדאַנקען, ווערען אם ענדע פון יעדער לעקציאָן געגעבען שטיקער לעזע־שטאָף צום איבערזעטצען. דיא זעטצע פון דיא שטיקער לעזע־שטאָף, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון דיא ווערטער, וואס זיי זיינען פריהער פאָרגעקומען. דער לערלינג וועט זייא קענען איבערזעצען. יעדע שטיק לעזע־שטאָף טראָגט א נומער.

צום לעהר־בוך קומט א בעזונדער בוך, א שליסעל, וואס ענטהאלטעט דיא ריכטיגע איבערזעצונג פון יעדען זאַץ. דיא איבערזעצונגען זיינען בעצייכענט מיט דיא זעלבע נומערן וויא דיא שטיקער לעזע־שטאָף בייא דיא לעקציאָנען. דער שילער קען אלזאָ מיט׳ן שליסעל אָבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אָדער ניט.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע איז איינגעטהיילט אין

78 לעקציאנען.

דיא אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען איז זעהר פראַקטיש. דיא רעגעלן ווערן ערקלערט איינפאך און דייטליך. אין דיא לעקציאָנען ווערען געגעבען דיא אויס־שפראכע פון יעדען ענגליש וואָרט מיט אידישע בוכשטאבען.

דאס בוך ענטהאלט איבער 600 זייטען, אין גרויסען פאָרמאט און עלעגאנט געבונדען.

פרייז 1 דאלאר.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער, וויא אויך בייא

היברו פאבלישינג קאמפאני

50-52 עלדרידזש סט., ניו יארק.